STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03125

IN LAND FUN RASN-DISKRIMINATSYE

Y. Lekhter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. לעכטער

אין לאנד פון ראסן-דיסקרימינאציע

פארלאג „יידיש בוך“ ווארשע 1953

I. LECHTER

W KRAJU DYSKRYMINACJI RASOWEJ

Redaktor: M. MIRSKI

רעדאַקטאָר: מ. מירסקי

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa 1953 r.

Nakład 5600 egz. Ark. druk. 6 Ark. wyd. 5 Papier druk. sat. V kl. 61x86 cm. 80 gr
Nr. zam. 522 Druk ukończono w lipcu 1953 r.
Druk. RSW „Prasa" Warszawa, ul Tarczyńska 8 4-B- 51203

אַ לאַנד פֿון פֿיל נאַציאָנאַליטעטן

די באַפֿעלקערונג פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן באַשטייט פֿון מענטשן פֿון פֿאַרשידענע ראַסן און נאַציאָנאַליטעטן. יעדער, וואָס האָט באַזוכט די דאָזיקע מדינה, האָט אויף שריט און טריט געקאָנט פֿעסטשטעלן דעם דאָזיקן פֿאַקט.

דאָס וואַרפֿט זיך אין די אויגן שוין אין ניו־יאָרק, דורך וואַנען דער אייראָפּעער קומט געוויינלעך אָן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. שפּאַצירנדיק איבער פֿאַרשידענע קוואַרטאַלן פֿון אָט דער גרויסער שטאָט, באַקומט איר דעם איינדרוק, אַז אייגנטלעך זענען דאָס אין אַ געוויסן זין פֿיל קלענערע שטעט, אָדער שטעטלעך, געטאָס פֿון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן.

אָט פֿאַרבלאָנדזשעט איר אין אַן איטאַליענישן קוואַרטאַל. די מיטליאָריקע און עלטערע דורכגייער אין גאַס רעדן דאָ אויף זייער לשון, זשעסטיקולירנדיק דערביי לעבהאַפֿט מיט די הענט. אין די אָרטיקע רעסטאָראַנען געפֿינט איר מאכלים פֿון נעאַפּאָל און פּאַלערמאָ. חתונות ווערן דאָ געפּראַוועט אין הסכם מיט די אוראַלטע מנהגים, וואָס הערשן אין די דערפֿער פֿון סיציליע. ערב קאַטוילישע יום־טובים לויכטן דאָ אויף אין אָוונט אין די פֿענצטער פֿון אַ סך הייזער קאָלירטע לעמפּלעך און פֿילפֿאַרביקע פּאַפּירענע האַרמאָניעס, פּונקט ווי בעת אַ קאַרנאַוואַל אויף די קאַנאַלן פֿון ווענעציע.

אין אַ זייטיקער גאַס, אַ פּאָר טריט פֿון דאַנען, דערשיינט פֿאַר אייך אַ נײַ בילד. איר שטוינט: צי זייט איר אין כינע? די הייזער זענען געבויט לויטן מוסטער פֿון פּאַגאָדעס. אויף די שילדן פֿאַר די געוועלבער זענען די אויפֿשריפֿטן אָנגעצייכנט אין דער לענג, אין כינעזישער שריפֿט. אין די קראָמען פֿאַרקויפֿט מען כלערליי אויסאַרבעטונגען פֿון ווייטע אַזיאַטישע מקומות. פֿיל פֿון די דורכגייענדיקע פֿרויען טראָגן לאַנגע, שמאָלע, טונקלפֿאַרביקע מלבושים. דעם עקזאָטישן בילד גיבן צו אַ באַזונדערן רייץ די פּנימלעך פֿון די אַרומלויפֿנדיקע דאָ קינדער, מיט זייערע מאָנגאָלישע אויגן און סאַמעטענע, פּעך־שוואַרצע האָר.

און וואנדערנדיק אזוי פון גאס צו גאס קומט איר אָן און אין א יידישן קוואר=
טאל און אין א פוילישן, א דייטשישן און א פראנצויזישן, א גריכישן און אן
אראבישן, א נעגערישן און א מעקסיקאנישן. אמת, אין יעדן פון אָט די קוואר=
טאלן פילט זיך דער דאָמינירנדיקער איינפלוס פון „אמעריקאנער לעבנס=שטיי=
גער". אומעטום פארשפרייט מען מאסנווייז די זעלבע בולוואר=צייטונגען. אומע=
טום שרייען סענסאציאָנעל קלינגענדיקע רעקלאמעס פון די זעלבע סאָדע=געז=
טראנקן און קאָסמעטיק=ארטיקלען. אומעטום רעדט די האלב=אסימילירטע יוגנט
די הערשנדיקע מלוכה=שפראך, ענגליש. אומעטום זענען די ארבעטנדיקע פאָלקס=
מענטשן קרבנות פון די זעלבע געזעלשאפטלעכע עוולות, פון דער אומברחמנותדי=
קער עקספלאָאטאציע מצד די זעלבע אויסנוצער, די גרויסע מאָנאָפּאָליסטן.

אָבער פאראלעל דערמיט האָט יעדער נאציאָנאלער קווארטאל פון ניו=יאָרק
זיינס א ספּעציפישן כאראקטער, זיין אייגנטימלעכן קאָלאָריט, זיינע הונדערטער
אייגנארטיקייטן. אלץ זאָגט דאָ עדות הערויף, אז דער אזוי=גערופענער „שמעלץ=
טאָפּ" האָט אייגנטלעך נישט „צעשמאָלצן" די איינוווינער פון אָט די קוואר=
טאלן. אפילו די פון זיי, וואָס זענען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין די פאר=
אייניקטע שטאטן, בילדן נאָך אלץ א טייל פון באזונדערע נאציאָנאלע גרופן און
מינדערהייטן.

ענלעכע געטאָס פון פארשידענע נאציאָנאליטעטן געפינען מיר אויך אין
שיקאגאָ און דעטראָיט, אין פילאדעלפיע און אין באָסטאָן. ווי בכלל אין יעדער
גרויסער שטאָט. די פיל=פעלקערדיקייט פון דער אמעריקאנער נאציע לאָזט זיך
באמערקן אין יעדן אינדוסטריעלן צענטער פון די פאראייניקטע שטאטן. זי קומט
אָבער פונקט אזוי בולט צום אויסדרוק אין באדייטנדיקע לאנדווירטשאפטלעכע
טיילן פון לאנד.

אין דרום=מזרחדיקע שטאטן, צום ביישפיל, אין די געגנטן פון ביימוול, רייז
און טאבאק=פלאנטאציעס, ווינען אין קאָמפאקטע מאסן פיל מיליאָנען נעגער,
וואָס בילדן אין געוויסע ראיאָנען א מערהייט פון דער באפעלקערונג און אין אנ=
דערע א קנאפע העלפט, אָדער א דריטל. די אָרטיקע נעגער פאראייניקט נישט
בלויז דער אומשטאנד, וואָס זיי זענען אלע אור=אייניקלעך פון די אמאָליקע
שווארצהויטיקע שקלאפן, וועלכע זענען מיט א פּאָר הונדערט יאָר צוריק אהער=
געבראכט געוואָרן פון אפריקע. זיי פאראייניקט אין א פיל גרעסערער מאָס זייע=
רע איצטיקע ענלעכע עקאָנאָמישע לעבנס=באדינגונגען און זייער שותפותדיקער
לעבנס=ארט. די אמעריקאנער נעגער האָבן אויך זייערס אן אייגענע, ספּעציפי=
שע קולטור און קונסט, וואָס איז אויסגעוואקסן אויפן גרונט פון זייערע אייגנאר=
טיקע ארבעטס=באדינגונגען און לעבנס=שטייגער, פון זייערע ליידן, שטרעבונגען
און טרוימען.

אין די דרום=מערבדיקע געגנטן פון לאנד זענען ווידער קאָנצענטרירט מיל=
יאָנען מעקסיקאנער. די דאָרטיקע שטאטן פון טעקסאס, ניי=מעקסיקע, אריזאָנא,

קאליפאָרניע און אנדערע האָבן די הערשער פון די פאראייניקטע שטאטן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק צוגערויבט פון מעקסיקע. די היימישע באפעלקערונג פון אָט די טעריטאָריעס האָט אויפגעהאלטן א גייסטיקע פארבינדונג מיטן שכנותדיקן מעקסיקע און זי רעדט ביזן היינטיקן טאָג שפּאניש. דעם דאָזיקן גייסטיקן בונד פארשטאַרקט דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דער שכנותדיקער מלוכה, פון וואנען עס שטראָמט דאָ אריין יעדעס יאָר אויף עטלעכע חדשים א צופלוס פון מעקסיקאנישע לאנד=ארבעטער, וואָס קומען ארבעטן בעתן שניט אויף די גיטער פון גרויסע אנגאָלזאקסישע לאנד=באזיצער.

לענג=אויס דעם אַטלאַנטישן און פּאַציפישן אָקעאַן זענען צעשאָטן פיל ישובים פון פּאָרטוגאלישע פישערלייט. אין די צפון=מערבדיקע פּראָווינצן פון לאנד באשטייט די פּארמער=באפעלקערונג הויפּטזעכלעך פון סקאנדינאווער. און פּענסילוואניע זענען גרויסע שטחים לאנד באפעלקערט דער עיקר דורך דייטשן.

און דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אומעטום. ווו איר גיט זיך א קער אין די פאראייניקטע שטאטן, באגעגנט איר צוגלייך מיט איינוווינער פון אנגלאָזאקסישער אָפּשטאמונג, וועמענס עלטער=עלטערזיידעס האָבן פון די בריטישע אינזלען איבערגעוואנדערט אהער מערסטנס אין 17=טן און 18=טן יאָרהונדערט, אויך אַמעריקאַנער פון בלערליי אַנדערע שטאַמען. דער אַלגעמיינער באַגריף „די אמעריקאנער נאציע“ שליסט איין 15 מיליאָן נעגער, קנאפּע 4 מיליאָן מעקסיקאנער, 10 מיליאָן דייטשן, ארום 6 מיליאָן איטאליענער, העכער 5 מיליאָן פּאָליאקן, איבער 5 מיליאָן יידן, מער פון 3 מיליאָן טשעכן, דריי פערטל מיליאָן גריכן און הונדערטער טויזנטער תושבים פון פארשידענע אנדערע נאציאָנאליטעטן.

מיט איין וואָרט, די אמעריקאנער נאציע באשטייט ווירקלעך פון פיל קלענערע און גרעסערע נאציאָנאלע גרופּן און מינדערהייטן, פון מיטגלידער פון אלע ראסן, וואָס רעדן מערערע שפּראכן און האלטן אויף פארשידנארטיקע טראדיציעס.

וואָס פאר א נאציאָנאליטעטן=פּאָליטיק פירן אין אָט די באדינגונגען די הערשנדיקע קרייזן פון די פאראייניקטע שטאטן? וואָס פאר א קעגנזייטיקע באציונגען האָבן זיי איינגעשטעלט צווישן אָט די אלע נאציאָנאליטעטן, וואָס לעבן זייט ביי זייט?

די „שטים פון אמעריקע“ און אנדערע פּראָפּאגאנדע=אָרגאנען פון וואָל=סטריט פארזיכערן אונדז כסדר, אז אין די פאראייניקטע שטאטן געניסן כלומרשט די מיטגלידער פון אלע ראסן און אלע נאציאָנאלע גרופּן פון א פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג. זינגענדיק שבחים פארן „אמעריקאנער לעבנס=שטייגער“, מאָלן זיי אין בונטע, רייכע פארבן די מלוכה פון דאָלאר אלס א מין „מקום=מקלט פאר די פארפאָלגטע און אונטערגעדריקטע“. די שליחים פון די

וואשינגטאָנער מאכטהאָבער, וואָס פרווון פארשפרייטן די אידעען פון „אמעריקאניזם“ אין אלע עקן וועלט, טענהן אָן אויפהער, אז קאָלומבוסעס מדינה איז אזוי צו זאָגן א לאנד פון „אומבאגרענעצטע מעגלעכקייטן“ פאר יעדן, אז די הערשנדיקע דאָרט געזעצן גאראנטירן בלומרשט יעטוועדן איינוווינער פולשטענדיקע „פרייהייט און דעמאָקראטיע“. מיט איין וואָרט, לויט אָט די געצאָלטע אגענטן פון די טרעסטן און מאָנאָפּאָלן קומט אויס, אז די פאראייניקטע שטאטן זענען ממש א מין גן־עדן פאר אלע נאציאָנאליטעטן און ראסן, וו די נאציאָנאלע פראגע איז, הייסט עס, געלייזט געוואָרן אויף אן אידעאלן אופן...

אזוי טענהט די אָפיציעלע פראָפאגאנדע פון אמעריקאנער אימפעריאליזם. ווי זעט עס אָבער אויס אין דער ווירקלעכקייט? ווי אַזוי ווערן באַהאַנדלט אין אַמעריקע די נעגער, כינעזער, אינדיאנער און מעקסיקאנער? צי געניסן די אימיגראנטן און זייערע קינדער פון גלייכע רעכט? און ווי לעבט זיך דאָרט די מיליאָנען ארבעטנדיקע יידן? צי האָבן זיי אין דער קאפיטאליסטישער אמעריקע די זעלבע רעכט, וואָס אנדערע בירגער? צי האָבן זיי א פרייען אויסוואל פון באשעפטיקונג און א לייכטן צוטריט צו בילדונג? צי קאָנען זיי לעבן און ארבעטן וו זיי ווילן? איבעריקנס, ווי האלט עס אין אמעריקע מכוח אנטיסעמיטיזם?

לאָמיר זען ווי אָט די אלע פראגן זעען אויס אין ליכט פון דער ווירקלעכקייט.

עטלעכע בלעטלעך געשיכטע

בכדי בעסער צו פארשטיין די היינטצייטיקע נאציאָנאליטעטן־פּאָליטיק פון אמעריקאנער אימפּעריאליזם, איז כדאי זיך נעענטער צו באקענען מיט די וואָרצלען פון אָט דער פּאָליטיק.

די אמעריקאנער קאָנסטיטוציע, וואָס איז פארפאסט געוואָרן אין יאָר 1787, צומאָרגנס נאָכן אנטשטיין פון די פאראייניקטע שטאטן, האָט במשך פון פיל צענדליקער יאָרן נישט אנטהאלטן קיין איין וואָרט וועגן גלייכבארעכטיקונג פאר די מיטגלידער פון פארשידענע ראסן און פעלקער, וואָס באוווינען דאָס לאנד. די יונגע אמעריקאנער בורזשואזיע האָט דאן, נאָכן דעראָבערן די מאכט, זיך ערשט רעכט גענומען צו דער סיסטעמאטישער אויסראָטונג פון די אינדיאנער, די אוראלטע תושבים פון צפון־אמעריקאנישן קאָנטינענט. די שקלאפעריי פון די נעגער אויף די פּלאנטאציעס פון די דרומדיקע שטאטן האָט אָנגעהאלטן ווייטער, פונקט ווי קיינמאָל גארנישט. נאָכמער, צווישן די בכבודיקע מלוכה־לייט, וואָס האָבן געהאלטן שיינע רעדעס וועגן „דעמאָקראטיע“, האָט זיך געפונען א שפּאָרע צאָל שקלאפן־הענדלער.

אין די יאָרן 1861—1865 איז אמעריקע געשטאנען אונטערן צייכן פון בירגער־קריג צווישן די צפונדיקע און דרומדיקע שטאטן. ווי באקאנט, האָט דער בירגער־קריג דערפירט צו דער פאָרמעלער אָפּשאפונג פון שקלאפעריי. מען דארף אָבער באמערקן, אז בעת די ארבעטנדיקע מאסן פון די צפונדיקע, אינדוסטריעלע שטאטן האָבן אין בירגער־קריג העלדיש געקעמפט פארן זיג פון דעמאָקראטיע און פאר דער ווירקלעכער באפרייונג פון די נעגערישע שקלאפן — האָט די הערשנדיקע בורזשואזיע פון די צפונדיקע שטאטן זיך דאן געשטעלט גאנץ אנדערע צילן. זי איז אויסן געווען צו צעברעכן די וואקסנדיקע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע מאכט פון די דרומדיקע פריצים, בכדי אויסצושפּרייטן איר אייגענע הערשאפט איבער דער גאנצער טעריטאָריע פון די פאראייניקטע שטאטן. אָן דער באפרייונג פון די נעגער איז אוממעגלעך געווען צו צעשמעטערן די

עקאָנאָמישע מאַכט פון די שקלאַפן־באַזיצער, דעריבער האָט די צפונדיקע בורזשואַזיע געמוזט דערויף איינגיין. זי האָט אָבער לגמרי נישט געהאַט בדעה צו באַרזיכערן די נעגער אַ געהעריקע עקזיסטענץ און דעמאָקראַטישע רעכט.

נאָכן בירגער־קריג, וועלכן מאַרקס און ענגעלס האָבן באַטראַכט אַלס אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, זענען אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע איינגעשלאָסן געוואָרן 3 נײַע פּונקטן, וואָס זענען באַקאַנט אַלס די 13־טע, 14־טן און 15־טע אויסבעסערונגען. די דאָזיקע פּונקטן גאַראַנטירן אַלע איינוווינער פון לאַנד, „אומאָפּהענגיק פון זייער ראַסע, קאָליר און פריערדיקן צושטאַנד פון פאַרשקלאַפונג" גלײַכע רעכט און ספּעציעל — וואַל־רעכט. ווי מיר וועלן באַלד זען, זענען אָבער די דאָזיקע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס פאַרבליבן אויפן פּאַפּיר און זיי ווערן נישט אָנגעווענדן אין דער פּראַקטיק.

די באַפרייטע נעגער האָבן נאָכן בירגער־קריג נישט באַקומען קיין ערד, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. זיי זענען דעריבער גאַנץ שנעל ווידער געוואָרן אָפּהענגיק פון זייערע געוועזענע הערן, די לאַנד־באַזיצער, בײַ וועמען זיי האָבן איצט געמוזט דינגען ערד אין אַרענדע. אויסער דעם, האָט די זיגרײַכע וואַשינגטאָנער בורזשואַזע רעגירונג זיך אויפגעהערט מישן אין די ענינים פון די דרומדיקע שטאַטן אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך פאַרזיכערט, אַז די באַזיגטע פּלאַנטאַטאָרן באַדראָען שוין נישט איר הערשאַפט און אַז די אָפּזאַץ־מערק פאַר אירע סחורות וועלן אַרומנעמען אויך דעם דרום. די דרומדיקע פּריצים, וועלכע זענען געווינט געווען אַרויסצופרעסן קאָלאָסאַלע רווחים פון דער האָרעוואַניע פון זייערע פריערדיקע קנעכט, האָבן אַלזאָ איצט געקראָגן פרײַע הענט אויפסנײַ צו עקספּלאָאַטירן און אונטערצודריקן די נעגערישע באַפעלקערונג פון יענע מקומות.

אין די דרומדיקע שטאַטן האָט גענומען בושעווען דער הפקרדיקער טעראָר פון די שוואַרצמאַהדיקע באַנדעס פון קו־קלוקס־קלען. יעדער נעגער, וואָס האָט געוואַגט צו מאָנען יושר אָדער דעמאָקראַטישע רעכט, איז שנעל אָפּגערוימט געוואָרן פון וועג. ווי עס גיט איבער דער פאָרגעשריטענער אַמעריקאַנער היסטאָריקער גוסטאַוווס מעיערס אין זײַן בוך „די געשיכטע פון פאַנאַטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן", זענען בלויז אין שטאַט לואיזיאַנאַ במשך פון איינציקע וואָכן ערב די וואַלן אין יאָר 1868 דערמאָרדעט אָדער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אַזש 2 טויזנט נעגער. ענלעכע פאָרפאַלן האָבן זיך פיל יאָרן איבערגעחזרט אין אַלע דרומדיקע שטאַטן. אַזוי אַרום האָבן די דרומדיקע עקספּלאָאַטאַטאָרן מיט געוואַלד צוגערויבט פון די נעגער זייערע נײַ־דעראָבערטע רעכט און צוריקגעקערט די שוואַרצהויטיקע מאַסן אין אַ צושטאַנד פון פעאָדאַלער האַלב־שקלאַפערײַ.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען אין אַלע דרומדיקע שטאַטן איינגעפירט געוואָרן דראַקאָנישע ראַסן־געזעצן, וואָס האָבן אַזוי צו זאָגן יורידיש סאַנקציאָנירט

און באַפעסטיקט די פּאָלקאָמע רעכטלאָזיקייט פון מיליאָנען נעגער, וואָס ווערן אומבארחמנותדיק אויסגענוצט און אונטערגעדריקט דורך די אָרטיקע אַנגלאָזאַקסישע לאַנד־באַזיצער. אויף די דאָזיקע ראַסן־געזעצן, וועלכע גילטן ביזן היינטיקן טאָג און זענען א מין פּריערדיקע אויפלאַגע פון די נירנבערגער געזעצן, וועלן מיר זיך ברייטער אָפּשטעלן אין א ווייטערדיק קאַפּיטל.

אין דער זעלבער צייט, ד. ה. צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט, אין פּעריאָד ווען אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע האָט זיך איינגעשטעלט די הערשאַפט פון די מאָנאָפּאָלן, האָבן אין דאָזיקן לאַנד זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אַנדערע וויכטיקע געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט א באַדייטנדיקן איינפלוס אויף דער געשטאַלטיקונג פון דער היינטיקער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

נאָכן בירגער־קריג האָט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרצייכנט א שנעלן וווּקס, וואָס האָט מיט אייניקע איבעררייסן (בעת וועלכע עס פלעגן אויסברעכן אומפאַרמיידלעכע אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליזם עקאָנאָמישע קריזיסן) אָנגעהאַלטן ביז אַרום דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אָט דעם פּעריאָד פון שנעלן אינדוסטריעלן וווּקס האָט אין אַמעריקע זיך געלאָזט פילן א שטאַרקער מאַנגל אין אַרבעטער. אין די פריערדיקע צייטן פלעגן מעבר־לים אָנקומען הויפּטזעכלעך איינוואַנדערער פון מערב־איירָאָפּעישע מדינות, ווי פון די בריטישע אינזלען, פון דייטשלאַנד, פון די סקאַנדינאַווישע מלוכות אאַוו. צום סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט זיך אָבער דער שטראָם עמיגראַנטן פון אָט די לענדער כמעט ווי אָפּגעשטעלט. אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן האָבן דעריבער גענומען רעקרוטירן איינוואַנדערער פון די מזרח־איירָאָפּעישע און דרום־איירָאָפּעישע לענדער.

מיליאָנען ערדלאָזע און אויסגעהונגערטע פּויערים פון פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, איטאַליע, פון די באַלקאַנישע לענדער און פון די באַלטישע פּראָווינצן האָבן גענומען שטראָמען צו די וואַקסנדיקע אַמעריקאַנער פאַבריקן, שטאָל־גיסערייען, קוילנגרובנס און אַנדערע אַרבעטס־אונטערנעמונגען. א באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער אָרעמקייט אין די שטעטלעך פון פּוילן, אוקראַינע, ליטע און בעסאַראַביע האָבן דאַן איבערגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע צו אַרבעטן אין די דאָרטיקע באַקלייד־וואַרשטאַטן. צום בוי פון אייזנבאַנען אין די מערבדיקע שטאַטן זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן מאַסן כינעזער.

אין אַמעריקע פלעגן די אַרבעטער דאַן אויסגענוצט ווערן אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן. אין דער שווער־אינדוסטריע האָט דער אַרבעטס־טאָג אפילו צומאָרגנס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה נאָך אַלץ געדויערט 12 שעה און מער. אין די אַזוי גערופענע „שוויץ־שעפּער“ האָט מען פון די אַרבעטער אַרויסגעזויגט די נשמה. אין די אַרבעטער־ישובים פון באַראַקן, וועלכע די פאַבריקאַנטן האָבן אויפגעבויט לעבן די קוילנגרובנס און גרויסע מעטאַל־פאַבריקן,

זענען די וווינונגס־באַדינגונגען געווען שרעקלעכע. די אַרבעטער האָבן דאָרט אַלץ געמוזט קויפן פאַר שפּעקולאַנטישע פּרייזן אין דעם פאַבריקאַנטס קראָמען. אין די פאַבריקן און אין די אַרבעטער־ישובים האָבן באַוואָפנטע דעטעקטיוון און געגנגסטערס אין דינסט פון די קאַפּיטאַליסטן טעראָריזירט יעדן, וואָס האָט געפּרוווט אָרגאַניזירן די אַרבעטער.

די דאָזיקע שרעקלעכע עקספּלאָאַטאַציע האָט אַרויסגערופן אַ וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן. און בעת פיל אַרבעטער האָבן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, אין גרויסע שטרייקן געקעמפט פאַר אַ פאַרבעסערונג פון זייערע אַרבעטס־ און לעבנס־באַדינגונגען, האָבן אַנדערע אַרבעטער אויף אַן אינדיווידועלן אופן געפּרוווט זיך באַפרייען פון דער שרעקלעכער לוין־שקלאַפערײַ. אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, ספּעציעל פון צווישן די אַלטע, אײַנגעזעסענע תושבים פון לאַנד, האָבן פאַרלאָזט די פאַבריקן און זיך באַזעצט אַלס פאַרמערס (פּויערים) אויף דער פרייער ערד, וואָס מען האָט פאַרהעלטנישמעסיק ביליק געקאָנט קויפן כמעט ביזן סוף פון 19־טן יאָרהונדערט. פיל אַנדערע האָבן זיך אײַנגעאָרדנט צו לײַכטערע און בעסער־באַלוינטע באַשעפטיקונגען אין האַנדל, אין ביוראָס, אין מלוכה־אַפּאַראַט. נאָך אַנדערע האָבן דערוואָרבן העכערע קוואַליפיקאַציעס און זענען אַריבער אין די רייען פון דער קאָרומפּירטער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע. זייערע אַרבעטס־פּלעצער אין די פאַבריקן, אין די קוילנגרובנס און שטאָל־גיסערייען האָבן פאַרנומען די פריש־אָנגעקומענע עמיגראַנטן.

אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם פּראָצעס האָבן די אײַנוואַנדערער פון מזרח און דרום־אייראָפּע במשך פון פיל גענעראַציעס געבילדעט און איבערוויגנדיקע מערהייט פון אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס. זיי און זייערע קינדער בילדן נאָך הײַנט אַ גרויסע מערהייט פון די אַרבעטער אין די יסודותדיקע צווייגן פון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.

די דאָזיקע עמיגראַנטן זענען אין אַמעריקע שטענדיק אויסגענוצט געוואָרן אין אַ נאָך גרעסערער מאָס ווי די זײַנט לאַנג אײַנגעזעסענע אַמעריקאַנער אַרבעטער. די קאַפּיטאַליסטן האָבן זיי תמיד געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַר נידעריקערע לוינען און בײַ ערגערע אַרבעטס־באַדינגונגען. מען האָט זיי אויף שריט און טריט אָפּגענאַרט, באַשווינדלט, באַליידיקט און דערנידעריקט. און די באַציונג צום עמיגראַנט האָט אין פיל הינזיכטן זיך נישט געענדערט ביזן הײַנטיקן טאָג.

די ניו־יאָרקער איטאַליענישע צײַטונג „וואָטשע דעל אימיגראַנטע" (די שטים פון עמיגראַנט) האָט אין איר נומער פון 21־טן סעפּטעמבער 1927 באַשריבן די לאַגע פון אײַנוואַנדערער אין אַמעריקע אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„דער ניי־אָנגעקומענער ווערט שנעל נידערגעשלאָגן. מען צווינגט אים צו אַרבעטן לאַנגע שעהן אין שטאָל־פאַבריקן. מע האַלט אים אָפּגעזונדערט פון אַנדערע אַרבעטער און קליינע ישובים בײַ די קוילנגרובנס. מען גיט אים נישט קיין

מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען די שפּראַך פון לאַנד, זיך צו באַקענען מיט די אַמעריקע באַדינגונגען און בכלל אויסצוברייטערן זיינע קענטעניישן. אין גערעכט איז ער א קרבן פון כלערליי אומגערעכטיקייטן... עס באַשווינדלען אים כסדר זיין ארבעטס־געבער, דער פאַרמיטלער, וואָס באַזאָרגט אים מיט אן אַר־בעטס־פּלאַץ, דער באַנקיר, וואָס באָרגט אים געלט אויף אַראָפּצוברענגען זיין משפחה, דער אַדוואָקאַט, וואָס דערליידיקט פאַר אים פאַרשידענע פאָרמאַלי־טעטן. קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַרן אומוויסנדיקן עמיגראַנט, אויף וועמענס קאָפּ עס שיטן זיך דערוואַרטער שיקאַנעס און עוולות. די ווונדערפולע האָפענונ־גען, מיט וועלכע עס האָט זיך אַרומגעטראָגן דער עמיגראַנט... פאַרוואַנדלען זיך נאָך אייניקע יאָר ארבעט אין אונדזערע פאַבריקן אין א פסיכישער אנטוישונג".

מיט איין וואָרט, אפילו מיט צענדליקער יאָרן צוריק ווען דער קאַפּיטאַליזם איז נאָך געגאַנגען באַרג־אַרויף און ווען אין אמעריקע האָבן נאָך געגילט די כללים פון בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, איז דאָרט אָנגעגאַנגען א פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלע און ראַסן־דיסקרימינאַציעס. פּונקט ווי די קאַפּיטאַליסטן פון ענג־לאַנד און פראַנקרייך האָבן אָנגעזאַמלט רייכטימער דורך דער אוממענטשלעכער עקספּלאָאַטאַציע פון דער באַפעלקערונג פון זייערע קאָלאָניעס, האָבן די הער־שער פון אַמעריקע אַרויסגעפּרעסט קאָלאָסאַלע צוגאָב־פּראָפיטן פון דער האַלב־שקלאַפערייַ פון די נעגער און פון דער ביליקער אַרבעטס־קראַפט פון די איינ־וואַנדערער. שפּעטער איז דערצו צוגעקומען אויך די עקספּלאָאַטאַציע פון קאָלאָ־ניאַלע שקלאַפן אין יענע לענדער, וועמען דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט אָנגעוואָרפן זיין הערשאַפט.

דער פּראָגרעסיווער אמעריקאַנער היסטאָריקער הערבערט אַפּטעקער האָט אין אן ארטיקל, וואָס איז דערשינען אין יולי 1951 אין דער אמעריקאַנער צייטשריפט „מעסעס ענד מעינסטריט" געשריבן:

„די סטרוקטור פון דער אמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג איז אן עקספּלאָאַטאַטאָרישע, און א באַשטאַנד־טייל פון אָט דער סטרוקטור איז די פאַרשאַרפטע אונטערדריקונג פון נעגערישן פאָלק אין די גרענעצן פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון די קאָלאָניאַלע פעלקער מחוץ איר. דאָס איז די מאַטעריעלע באַזע, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די פאַראייניקטע שטאַטן אין אן אידעאָלאָגישן קוואַל פון ראַסיזם, מלחמה, וועלכער איז פאַרבליבן אלס אַזעלכער ביזן היינטיקן טאָג".

די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און ראַסן־דיסקרימינאַציע, וואָס ווערט פּראַקטיצירט מעבר לים, איז אין א שרייענדיקער סתירה מיט דער לעגענדע, אז אמעריקע איז כלומרשט א לאַנד פון „פרייהייט" און „דעמאָ־קראַטיע". און היות די מושלים פון די פאַראייניקטע שטאַטן גייט אין לעבן אויפצוהאַלטן אָט די לעגענדע אין מוח פון דורכשניטלעכן אמעריקאַנער, כדי

אָפּצוהאלטן אים פון קאמף קעגן דער דיקטאטור פון וואָל-סטריט, האָבן זיי געמוזט שאפן טעאָריעס, וואָס פרווון „באַרעכטיקן" זייער רעאקציאָנערע נאציאָנאליסטן-פּאָליטיק.

ראסן-טעאָריעס ווערן אין אמעריקע שוין פארשפרייט זינט העכער 70 יאָר. מיט די האָזיקע „טעאָריעס" זענען אָנגעזאפּט די כרעסטאָמאטיעס פאר שול-קינדער, די ליטעראטור און די פרעסע, די ראדיאָ-פּראָגראמען און די האָלי-וודער פילמען. אויף אָט די „טעאָריעס" שטיצט זיך די אָפיציעלע רעגירונגס-פּאָליטיק אין דער נאציאָנאלער פראגע און די שטעלונג פון פיל עפנטלעכע אינסטיטוציעס צו יעדן באזונדערן בירגער. די האָזיקע ברייט-פארשפרייטע טעאָריעס, וואָס ווערן אָנגעוואָנדן אויף די פארשידנארטיקסטע געביטן, איבן אויס א גרויסן איינפלוס אויפן טאָג-טעגלעכן לעבן פון אלע נאציאָנאלע מינדערהייטן אין די פאראייניקטע שטאטן.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו א קורצער באשרייבונג פון די באדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו לעבן די נעגער, אינדיאנער, מעקסיקאנער, די סלאווישע איינוואנדערער און די יידן אין אמעריקע, איז כדאי זיך צו באקענען מיט די ראסן-טעאָריעס פון אמעריקאנער אימפעריאליזם.

ראָזענבערגס גייסטיקע טאַטעס

אלס די גרינדער פון היינטצייטיקן ראסיזם ווערן באטראכט דער פראנצויזישער רעאקציאָנערער דיפּלאָמאט גראף גאָבינאָ און דער ענגלישער קאָנסערוואטיווער פּאָליטיקער יוסטין טשעמבערליין. כדי צו „באַרעכטיקן" די פּאָליטיק פון רויב, פארשקלאפונג און מאסן=מאָרד, וועלכע ענגלאנד און פראנקרייך פּראקטיצירן אין זייערע קאָלאָניעס, האָבן אָט די בורזשואזע אידעאָלאָגן אין זייערע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין דער צווייטער העלפט פון 19=טן יאָרהונדערט, ארויסגערוקט א פריש=געבאקענע טעזע, אז די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז בלומרשט אַ קאַמף צווישן ראַסן. לויט דער אַנטיוויסנשאַפטלעכער ארגומענטאציע פון אָט די רעאקציאָנערע „טעאָרעטיקער", בילדן די פעלקער פון אזיע און אפריקע אזוי=גערופענע „נידעריקערע ראסן", וועלכע זענען, הייסט עס, אליין אָרגאניש אומפעיק צו אנטוויקלען זייערע לענדער און מיט זיי צו פארוואלטן. דער אויספיר איז, אז די ענגלישע און פראנצויזישע אָקופּאנטן, וועלכע בילדן אזוי=צו=זאָגן א „העכערע ראסע", זענען בארופן דורכצופירן אין די קאָלאָניעס א מין „ציוויליזאטאָרישע מיסיע", פאר וועלכער די מענטשהייט דארף זיי ממש דאנקבאר זיין...

לויט די פאנטאסטישע און אומזיניקע „טעאָריעס", וועלכע די באגרינדער פון ראסיזם האָבן אויסגעזויגן פון פינגער, קומט אויס, אז די מיטגלידער פון די אזוי גערופענע „נידעריקערע ראסן" זענען ניט בלויז אומפעיקע באשעפענישן, נאָר אויך עפּעס אזעלכע ווילדע ברואים, וואָס פארמאָגן איבערהויפּט ניט קיין מענטשלעכע געפילן און ווערן אזוי=צו=זאָגן פולשטענדיק באהערשט דורך „איינגעבוירענע חיהשע אינסטינקטן". גאָבינאָ און טשעמבערליין האָבן צום סוף אויסגעפירט, אז עס וואָלט דעריבער געווען געפערלעך צוצולאָזן זיי צו פאראנטוואָרטלעכע שטעלעס און צו בילדונג, אָדער זיי צו דערלויבן וווינען בשכנות מיט מיטגלידער פון דער „העכערער ראַסע", ד. ה. מיט ווייסהויטיקע אייראָפּעער. לויט די ראסיסטן זענען די איינוווינער פון די קאָלאָניעס

געבוירן געוואָרן צו זיין שקלאַפן און אַלס „אַזעלכע האָבן זיי אייביק פאַרבלייבן“...

די ערשטע ראַסיסטישע טעאָריעס זענען שנעל אויפגעכאַפט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, ווו די הערשנדיקע קלאַסן האָבן מיט זייער הילף זיך באַמיט צו „באַרעכטיקן“ די פאַרשקלאַפונגס־פּאָליטיק לגבי די נעגער, אינדיאַנער און כינעזער. אין די באַדינגונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן די ראַסן־טעאָריעס פון גאָבינאָ און טשעמבערליין זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַלס ניש־גענוגנדיקע, ווייל אין אַמעריקע ווערן אונטערדריקט ניש בלויז מענטשן, וואָס שטאַמען אָפּ פון די קאָלאָניעס, ווי נעגער, אַראַבער אָדער פיליפינער, נאָר אויך מיליאָנען ווייסהויטיקע אייראָפּעישע איינוואַנדערער.

שטרעבנדיק מאָראַליש צו באַגרינדן די האָפּלטע עקספּלאָאַטאַציע פון די אימיגראַנטן און די דיסקרימינאַציעס לגבי זיי, וואָס פאַרשאַפן די פאַבריקאַנטן און באַנקירן קאָלאָסאַלע רווחים, האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אויסגעברייטערט די ערשטע ראַסן־טעאָריעס און אַריינגענומען אין חשבון פון די אַזוי גערופענע „נידעריקערע ראַסן“ אויך מערסטנס אייראָפּעישע פעלקער...

טוענדיק דאָס, האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם זיך געשטעלט נאָך א ריי אַנדערע צילן. ער האָט מיט דער הילף פון ראַסיזם געשטרעבט אַרויסצורופן קעגנזייטיקן אומצוטרוי צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטנדיקע פון פאַרשידענער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, כדי צו באַשווערן זייער געמיינזאַמען קאַמף קעגן זייערע שותפותדיקע שונאים. גלייכצייטיק האָט דאָס פאַרשפּרייטן פון שאָוויניזם און ראַסן־האַס געדאַרפט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאָלקס־מאַסן פון זייערע וועזנטלעכע אינטערעסן און אָפּציען זיי פון קלאַסן־קאַמף.

אין יאָר 1916 האָט דער רעאַקציאָנערער פּובליציסט מעדיסאָן גראַנט פאַרעפנטלעכט דאָס קלאַסישע „ווערק“ פון אַמעריקאַנער ראַסיזם, „דאָס פאַרשווינדן פון דער גרויסער ראַסע“. „די גרויסע ראַסע“ — דאָס זענען לויט גראַנטן די אַנגלאָזאַקסן, די עלטסטע תושבים פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועמען ער שרייבט צו אַלע מעגלעכע מעלות. די האָלענדער, די דייטשן און די סקאַנדינאַווער, וועלכע האָבן עטוואָס שפּעטער זיך באַזעצט אין לאַנד און זיך כמעט פולקאָם אַסימילירט, זענען לויט גראַנטן נאָענטע קרובים פון די אַנגלאָזאַקסן און בילדן צוזאַמען מיט זיי די אַזוי־גערופענע „נאָרדישע ראַסע“. אָט די „אַריסטאָקראַטישע ראַסע“ דאַרף, לויט גראַנטן, הערשן איבער אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע ער באַצייכנט אַלס „מינדערוואַרטיקע“.

ביי דער געלעגנהייט האָט דער ראַסיסט גראַנט געגעבן אַן „אָפּשאַצונג“ פון דעם „ווערט“ פון יעדן פאָלק. הינטער די „נאָרדישע“ פעלקער שטעלט ער

אוועק די פראנצויזן, בעלגיער און שווייצארן. א פיל נידעריקערן פלאץ פאר-נעמען אין זיין קלאסיפיקאציע די איטאליענער און שפאניער. נאָך זיי קומען די דרום-אמעריקאנער, דאן די סלאווישע פעלקער. און כמעט צום סאמע סוף, איין שטיגעלע פאר די אזיאטישע פעלקער און די נעגער שטעלט ער אוועק די יידן...

דרך אגב, האָט גראנט שוין דאן, מיט פיל יאָרן פאר דער אנטשטייאונג פון דער היטלעריסטישער באוועגונג, ארויסגערוקט די טרויעריק-בארימטע אידעע פון „ראסן-ריינקייט".

„די אמעריקאנער נאציע — שרייבט ער אין זיין בוך — איז געגרינדעט און אנטוויקלט געוואָרן דורך דער נאָרדישער ראסע. אָבער אויב עס זאָלן צווישן אונדז אריינגעוואָרפן ווערן עטלעכע מיליאָן מיטגלידער פון די באלקאנישע, מיטלענדישע און סעמיטישע ראַסן, וועלן מיר אומפארמיידלעך זיך פאַר-וואנדלען אין א געמישטער ראסע פון פוסטע ווערטלאָזע פארשוינען...".

פאָרשטעלנדיק די נאציאָנאלע מינדערהייטן אין די פאראייניקטע שטאטן אלס א כלומרשטע געפאר פאר די בירגער פון אנגלאָ-זאקסישער אָפּשטאמונג און פאר די אמעריקאנער טראדיציעס, האָט גראנט זיך באמיט צו בארעכטיקן די דיסקרימינאציעס און די אונטערדריקונג פון אָט די מינדערהייטן דורך דער אמעריקאנער גרויס-בורזשואזיע.

גראנטס בוך, וואָס ווערט באטראכט אלס די ביבל פון די אמעריקאנער ראסיסטן, איז דערשינען אין פיל אויפלאגעס און איז פארשפרייט געוואָרן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, ווען דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-קלאַס איז באַהערשט געוואָרן פון רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, איז דער ביכער-מארק אין דאָלאר-לאנד פארפלייצט געוואָרן פון פיל נייע ראַסיסטישע ווערק, וואָס האָבן אויף אַ נאָך בולטערן אופן אַרויסגעבראַכט דעם באַרבאַריזם פון די יענקישע מאָנאָפּאָליסטן.

די פארקויפטע אמעריקאנער פרעסע האָט במשך פון פיל יאָרן ציטירט שטעלן פון אנטיסעמיטישן פּאָגראָם-פאמפלעט „די יידן אין אמעריקע" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1923. דער מחבר פון אָט דעם בוך, דער ראסיסט בערטאָן י. הענדריק האָט ארויסגערוקט דעם געדאנק, אז די דייטשע און ספרדישע יידן אין אמעריקע, צווישן וועלכע עס געפינט זיך א היפשע צאָל באנקירן, פאבריקאנטן, רייכע סוחרים און רעאקציאָנערע פּאָליטיקער, קאָן מען נאָך ווי עס איז „טאָלערירן". דאקעגן מאכט ער מיט בלאָטע צוגלייך די פּויליש ייִדן, אויף וועלכע ער האָט אויסגעטראַכט די עקלהאַפטסטע בלבולים.

נישט קיין קלענערן טומל האָט אין די פאראייניקטע שטאטן ארויסגערופן דאָס בוך „די געפאר פון אונטערמענטש", וואָס דער פירנדיקער אמעריקאנער ראסיסט הר. לאָטראָפּ סטאָדארד האָט פארעפנטלעכט אין יאָר 1922. דאָס בוך איז שפּעטער ארויס אין 13 ווייטערדיקע אויפלאגעס. אין דאָזיקן בוך ווערן

די ראַסן=טעאָריעס באַגלייט מיט ווילדע אַטאַקעס קעגן דער אידעע פון דעמאָקראַטיע, קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און דעם ראַטנפאַרבאַנד.

סטאָדאַרד באַצייכנט די קאָלאָניאַלע פעלקער, די קלאַסן=באַוווסטזיניקע אַרבעטער און די ייִדן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען „די אונטערמענטשן". די ייִדן דערשיינען אין זיין בוך אַלס די הויפּט=פירער פון די „אונטערמענטשן" און במילא אַלס „די סאַמע געפערלעכסטע שונאים פון דער מענטשהייט"...

אָט דער געטרייער דינער פון די אַמעריקאַנער מיליאַרדערן האָט שוין מיט 30 יאָר צוריק פאָרגעלייגט אַ גאָלדענעם רעצעפּט, כּדי פּטור צו ווערן פון קלאַסן קאַמף. דער דאָזיקער מענטשן=פרעסער האָט אין זיין בוך קאַלטבלוטיק געפּרעדיקט די טרויעריק באַקאַנטע אידעען פון קאַסטראַציע און פון דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון די „פאַנאַטישסטע אונטערמענטשן", ד. ה. פון די ייִדן, די סלאַווישע פעלקער און די קאָמוניסטן. די באַזייטיקונג פון אָט די עלעמענטן דאַרף, לויט סטאָדאַרדן, פאַרזיכערן די שפּעטערדיקע אונטערטעניקייט פון די קאָלאָניאַלע שקלאַפן אין אַ וועלט, וואָס זאָל באַהערשט ווערן דורך די „נאָרדישע אויבערהאַרן...".

ווי מיר זעען, זענען אין אַמעריקע, נאָך פאַרן געבורט פון דער נאַצי=באַוועגונג, שוין געפּרעדיקט געוואָרן די באַרבאַרישע ראַסן=טעאָריעס, וואָס האָבן שפּעטער, אין דריטן רייך, צוגעגרייט דעם באָדן פאַר די גרויזאַמע מעשים פון די בלוטדורשטיקע היטלעריסטן. די הוירסט=פּרעסע און אַנדערע פּראָפאַשיסטישע אַמעריקאַנער צייטונגען שטאָלצירן ביזן היינטיקן טאָג דערמיט, וואָס היטלער, געבעלס, ראָזענבערג און שטרייכער האָבן זייערע קאַניבאַלישע ראַסן=טעאָריעס איבערגענומען אָן באַדייטנדיקערע ענדערונגען פון די „קלאַסיקער" פון אַמעריקאַנער ראַסיזם. די נאַציס האָבן פון זייער זייט אָפט מיט דאַנקבאַרקייט דערמאָנט, אַז זיי האָבן פיל גענאָסן פון די אַמעריקאַנער „ראַסן=לערן". איינער פון די פירנדיקע נאַצי=יוריסטן, פּראָפעסאָר הייגריך קריגער האָט אין 1936 פאַרעפנטלעכט אין בערלין אַ בוך „די ראַסן=געזעצגעבונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן", אין וועלכן ער האָט אָנערקענט, אַז די אַמעריקאַנער טעאָריעס און פּראַקטיק פון ראַסיזם האָבן געדינט אַלס אַ מאָדעל פאַר די נאַציס.

אין די טויט=לאַגערן פון אָשוויענטשים, טרעבלינקע און אַנדערע האָבן די היטלעריסטן דורכגעפירט אין לעבן די אידעען פון אַמעריקאַנער ראַסיזם, וועגן דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון גאַנצע פעלקער. די אויפפירונג פון די אַמעריקאַנער ראַסיסטן אין קאָרעע האָט באַשיינפערלער באַוויזן, אַז אין אָט דער היגזיכט זענען זיי נישט הינטערשטעליק לגבי זייערע נאַציאָנאַל=סאָציאַליסטישע פריינד.

דער ראַסיזם איז זינט צענדליקער יאָרן אַ באַדייטנדיקער פאַקטאָר אין דער אָפיציעלער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קרייזן אין אַלע 48 אַמעריקאַנער

שטאַטן. אין יאָר 1924 איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ ראַסיסטישער קוואָטע־סיסטעם, אויפֿן סמך פֿון וועלכן 80 פּראָצענט פֿון אַלע איינוואַנדערער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן דאַרפֿן זיין פֿון די צפֿון־מערבֿדיקע לענדער פֿון אייראָפּע. אין דעצעמבער 1952 איז איינגעפֿירט געוואָרן דאָס פֿאַשיסטישע מעק־קאַראַן־וואָלטער אימיגראַציע־געזעץ, וואָס האָט אַ נאָך מער אויסגעשפּראָכענעם ראַסיסטישן כאַראַקטער.

אויפֿן סמך פֿון די אַמעריקאַנער נאַטוראַליזאַציע־געזעצן, קאָנען איינוואַנדערער פֿון מערסטנס אַזיאַטישע לענדער קיינמאָל אין זייער לעבן נישט ווערן אין אַמעריקע קיין פֿולבאַרעכטיקטע בירגער. די אינדיאַנער, די אוראַלטע איינוואוינער פֿון לאַנד, ווערן איבערהויפּט נישט באַהאַנדלט ווי קיין בירגער. מען צווינגט זיי צו וווינען אין ספּעציעלע רעזערוואַטן, אַ מין תחום־המושב, וו זיי שטאַרבן ביסלעכווייז אויס פֿון הונגער צוליבן מאַנגל אין עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. אין מערסטנס שטאַטן פֿון לאַנד גילטן כלערליי ראַסן־געזעצן, וואָס דעגראַדירן די נעגער צו אַ לעבן פֿון נויט, אומוויסנהייט, שרעק און כּסדרדיקער דערנידעריקונג. איינס פֿון די דאָזיקע געזעצן, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין שטאַט ווירגיניע 5 יאָר פֿאַר דער איינפֿירונג פֿון די נירנבערגער געזעצן, האָט אָפֿיציעל געהייסן „דאָס געזעץ פֿאַר דער אויפֿהאַלטונג פֿון ראַסן־ריינקייט“.

גלייכצייטיק ווערן אויף שריט און טריט אָנגעוואָנדן אין אַלע ווינקעלעך פֿון דער דאָלאַר־מדינה הונדערטער נישט געשריבענע ראַסן־געזעצן. די דאָזיקע אַלגעמיין־באַקאַנטע, הגם נישט אָפֿיציעלע כּללים, וואָס ווערן אומעטום שטרענג אָפּגעהיט, פֿאַרסמען דאָס לעבן פֿון די אימיגראַנטן פֿון מזרח און דרום־אייראָפּע, די יידן און די מיטגלידער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אויסער דעם ווערט דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער כּסדר געשפּייזט מיטן גיפֿט פֿון ראַסן־האַס און שאָוויניזם. אין הונדערטער אַמעריקאַנער צייטונגען קאָנט איר געפֿינען אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען און קאַריקאַטורן, וואָס דערמאָנען דעם „שטירמער“. געבעלס פֿלעגט אָפֿט ציטירן לענגערע שטעלן פֿון אַמעריקאַנער רעאַקציאָנערע בולוואַר־צייטונגען. אויף די טריבונעס פֿון אַמעריקאַנער שטאַטן און געזעצגעבערישע אינסטיטוציעס ווערן אָפֿט געהאַלטן אַנטי־נעגערישע און יידן־העצערישע רעדעס. לגבי נעגער, יידן, פּאָליאַקן, איטאַליענער אאַוו. ווערן אָפֿט באַנוצט ספּעציעלע באַליידיקנדיקע שפּאָט־צונעמען.

אין דער בורזשואַזער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, ווי אין די האָליוווד־פֿילמען, זענען די העלדן, וועמען מען שרייבט צו כלערליי מעלות, כּמעט שטענדיק אַנגלאָזאַקסן. דאַקעגן דערשיינען דאָרט נעגער געוויינלעך אַלס געהאָרכזאַמע און אונטערטעניקע באַשעפֿענישן, וואָס זענען ממש אַנטציקט פֿון זייער גורל און וואָס באַטראַכטן, הייסט עס, אַלס דורכויס נאַטירלעך, אַז זיי דאַרפֿן אויף אייביק פֿאַרבלייבן האַלבע שקלאַפֿן... נעגער ווערן אויך טיילמאָל פֿאַרגעשטעלט

אַלס געפֿערלעכע פֿאַרברעכערישע טיפּן. די רעאַקציאָנערע שרייבער און פֿילם־רעזשיסערן באַמיִען זיך דערביי אַריינצושמוגלען אין מוח פֿון לייענער און צושויער דעם ראַסיסטישן געדאַנק, אַז פֿאַרברעכערישקייט איז אַן „איינגעבוירענע אייגנשאַפֿט“ ביי די „נידעריקערע ראַסן“, לגבי וועלכע דער בלוטיקסטער טעראָר איז דעריבער, הייסט עס, נאָך אַלץ צו מילד...

דעם רעקאָרד האָט אויפֿן דאָזיקן געביט געשלאָגן דאָס בוך „דער נעגער איז אַ חיה“ פֿון פֿאַשיסטישן שרייבער טשאַרלס קאַראָל. אין פּעריאָד צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט די בורזשואַזע קריטיק שטאַרק געלויבט אָט די נידערטרעכטיקע שמירעריי, וואָס האָט גערופֿן צו לינטשן און פּאָגראָמען. במשך פֿון פֿיל יאָרן האָבן מערטנס בורזשואַזע אַמעריקאַנער צייטונגען רעקלאַמירט אָט דאָס „ווערק“, וואָס אָטעמט מיט בעסטיאַלישער שנאה צום מענטש.

טיפּן פֿון ייִדן דערשיינען בדרך כּלל אין דער רעאַקציאָנערער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און קונסט אַלס טייוולאָניש כיטרע פּוילאַקעס, וועלכע שטרעבן בלויז אָפּצונאַרן און באַשווינדלען אַנדערע מענטשן... געשטאַלטן פֿון אַנדערע מזרח־אייראָפּעיִשע איינוואַנדערער ווערן ווידער געמאָלן אַלס אומוויסנדיקע און אומבאַהאָלפֿענע נעבעכלעך, אַלס באַשעפֿענישן אָן ענערגיע און אָן שום אַמביציעס, וועלכע באַנוגן זיך אַזוי צו זאָגן מיט זייער פּלאַץ אַלס צווייטראַנגיקע בירגער אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט.

אָט אַזוי ווערן שאָוויניזם, ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם טאָג־איין טאָג־אויס אויף די פֿאַרשידנאַרטיקסטע אופֿנים איינגעשפּריצט אין דער מענטאַליטעט פֿון דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער. טיילמאָל ווערט דאָס געטאָן אָפֿן, מיט ברוטאַלן ציניזם און מאַנכסמאָל אויף אַ ראַפֿינירטן און קוים־באַמערקבאַרן אופֿן. די ראַסיסטישע טעאָריעס דרינגען אַלנפֿאַלס אַריין אין אַלע געביטן פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן אין לאַנד פֿון דאָלאַר. זיי זענען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פֿון אַזוי גערופֿענעם „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער“. ווו מען גיט זיך אַ קער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, טרעפֿט מען אָן אויף אויסדרוקן פֿון די „טעאָריעס“.

* * *

און איצט לאָמיר זיך אַריבערטראָגן מיטן געדאַנק צו פֿאַרשידענע געגנטן פֿון וואָל־סטריטס מדינה, ווו עס זענען קאָנצענטרירט ברייטע מאַסן פֿון נאַציאָנאַלע גרופּן און אונטערגעדריקטע פֿעלקער. לאָמיר זען, ווי די ראַסן־טעאָריעס און די נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק פֿון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם ווירקן אויפֿן הײַנטיקן לעבן פֿון די נעגער און אינדיאַנער, די כינעזער און מעקסיקאַנער, די פּאָליאַקן און די ייִדן, וואָס לעבן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

היינטצייטיקע שקלאַפֿעריי

האַרט ביי די גרענעצן פֿון דער אַמעריקאַנער הויפּטשטאָט, וואַשינגטאָן, פֿון יענער זייט פֿון שמאָלן טייכל פּאָטאָמאַק, הויבן זיך אָן די דרומדיקע פּראָווינצן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וווּ עס האָט ביז מיט קנאַפּע 90 יאָר צוריק געהערשט דער אַלטערטימלעכער רעזשים פֿון שקלאַפֿעריי.

אין דעם טייל דרום־מזרחדיקע שטאַטן וווינען העכער 10 מיליאָן נעגער, ד. ה. צוויי־דריטל פֿון דער אַלגעמיינער צאָל נעגער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין דעם טייל פֿון לאַנד בילדן די נעגער אומגעפֿער אַ פֿערטל פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג.

אין דרומדיקן טייל פֿון אָט דער רחבֿותדיקער טעריטאָריע שנײַדט דורך דעם שטח פֿון פֿיל שטאַטן דער אַזוי גערופֿענער „שוואַרצער גאַרטל“, אין וועלכן עס וווינען העכער 5 מיליאָן נעגער. דער שוואַרצער גאַרטל באַשטייט פֿון 180 דיסטריקטן, וווּ די נעגער בילדן אַן אַבסאָלוטע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג און פֿון 470 אַנדערע דיסטריקטן, וווּ זייער צאָל דערגרייכט אין דורכשניט 48,7 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער צאָל איינוווינער. אין שטאַט מיסיסיפּי, וואָס ליגט אין סאַמע האַרץ פֿון שוואַרצן גאַרטל, באַשטייט לויט דער אָפֿיציעלער סטאַטיסטיק אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג — פֿון נעגער.

אין אַלע דרומדיקע שטאַטן ווערן די נעגער שרעקלעך אויסגענוצט, אונטערדריקט, פֿאַרפֿאָלגט און דערנידעריקט. אומעטום ווערן קעגן זיי אָנגעוואָנדן ווילדע ראַסן־געזעצן. אַלע רעקאָרדן שלאָגט אָבער דער שוואַרצער גאַרטל. גראָד דאָרט, וווּ די אַרבעטנדיקע נעגער שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן איבערוויגנדיקע מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג, גראָד דאָרט, וווּ זיי וואָלטן לויט די עלעמענטאַרע כּללים פֿון דעמאָקראַטיע געדאַרפֿט שפּילן אַן אַנטשיידנדיקע ראָל אין די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען, ווערן זיי שרעקלעך סאָציאַל און נאַציאָנאַל אונטערדריקט.

די ווירטשאַפט פון שוואַרצן גאַרטל באַשטייט דער עיקר פון פּלאַנטאַציעס פון ביינוול, טאַבאַק, קוקורודזע און רייז. דאָס וויכטיקסטע אַרטיקל איז דאָ ביינוול. אויף די ריזיקע ביינוול-פעלדער, וואָס פאַרנעמען העכער א העלפט פון דער גאַנצער באַאַרבעטער ערד פון אַלע דרום-שטאַטן, איז קאָנצענטרירט דער רוב פון די היגע נעגער.

די פאַראייניקטע שטאַטן, דער הויפּט-ליפעראַנט פון רויען ביינוול אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, עקספּאָרטירן דעם דאָזיקן רוישטאָף אין פיל לענדער. אויפן וועלט-מאַרק שטויסט זיך אַמעריקע אָן אויף דער קאָנקורענץ פון ביינוול, וועלכן עס פּראָדוצירט די ביליקע אַרבעטס-קראַפט פון די קאָלאָניאַלע שקלאַפן פון עגיפּטן, אינדיע, בורמע, בראַזיל אאַזוו. כדי צו שלאָגן אָט די וואַקסנדיקע קאָנקורענץ, פאַרשטאַרקן די אַמעריקאַנער ביינוול-פּראָדוצענטן אַלץ מער די עקספּלאָאַטאַציע פון די נעגער, וואָס אַרבעטן אין זייערע פּלאַנטאַציעס.

אין די דרומדיקע שטאַטן ווערט אַלס פּלאַנטאַציע באַצייכנט די ווירטשאַפט פון א לאַנדבאַזיצער, אָדער פון א קולאַק, וואָס פאַרדינגט זיין ערד צו ערדלאָזע פּויערים, הויפּטזעכלעך נעגער. פאַרן רעכט צו באַאַרבעטן די ערד גיט דער פּויער געוויינלעך אָפּ דעם פּלאַנטאַטאָר אומגעפער א העלפט פון צוגעזאַמלטן ביינוול. די אַנדערע העלפט מוז ער ווידער פאַרקויפן דעם זעלבן באַלעבאָס, וועלכער צאָלט אים הערפאַר א לעכערלעך נידעריקן פּרייז.

דער אָרעמער נעגערישער פּויער האָט געוויינלעך נישט קיין געלט אויף אויסצוהאַלטן זיין משפחה ביזן שניט. ער מוז דעריבער כסדר בעטן הלוואות ביים אייגנטימער פון דער ערד, וועלכער נעמט ביי אים שרעקלעך הויכע פּראָצענטער. נאָכמער, אין פיל פאַלן צאָלט דער באַלעבאָס זיינע פּויערים נישט מיט קיין מזומן געלט, נאָר ער שטעלט זיי צו די נויטיקע לעבנסמיטלען פאַר אָנגעשרויפטע פּרייזן, וועלכע ער דיקטירט.

דער פאַרהאָרעוועטער און אין מערסטן פאַל אומוויסנדיקער נעגער ווייסט קיינמאָל נישט גענוי, וויפל ער איז שולדיק זיין האַר. נאָכן שניט, ביים צונויפשטעלן די רעכענונג, באַשווינדלט יעדער פּלאַנטאַטאָר אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן זיינע נעגערישע אַרענדאַרן, צו וועלכע ער באַציט זיך מיט ביטול און שפּאָט. וויפל באַלן ביינוול דער אַרענדאַר זאָל נישט צושטעלן, דערווייסט ער זיך שטענדיק, אַז זייער ווערט „באַטרעפט פונקט אַזוי פיל, ווי ער איז שולדיק פאַר חובות. דער אָרעמער נעגער זעט אַזוי אַרום קיינמאָל נישט קיין גראָשן פאַר די אויגן, און ער מוז כסדר האָרעווען פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט.

דאָס אָפּנאַרן די נעגערישע פּויערים איז פאַר די פּלאַנטאַטאָרן פון די דרומדיקע שטאַטן אויך אַן אָביעקט פאַר באַרימערײַ. צווישן די פּאַראַזיטישע אייגנטימער פון די פּלאַנטאַציעס קורסירן צענדליקער ציניש(ע) אַנעקדאָטן, וואָס שפּיגלען אָפּ די דאָזיקע לאַגע. טאָמער וואַגט אָבער אַ נעגער צו קוועסטיאָנירן די

פּינקטלעכקייט פון פּלאַנטאַטאָרס חשבונות, אָדער צו פאַרלאַנגען, מען זאָל אים ווײַזן די בוכהאַלטעריע, באַטראַכט דאָס זיין האַר אַלס אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, פאַר וועלכער ער איז זיך נוקם אויף אַ שרעקלעכן אופן.

דער באַרימטער נעגערישער סאָציאָלאָג וו. ב. דובאָיס ווײַזט אָן אין זיינע ווערק, אַז פיל לינטשן פון נעגערס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורך מחלוקתן צווישן פּלאַנטאַטאָרן און זייערע אַרענדאַרן וועגן דער פּינקטלעכקייט פון די רעכענונגען. אין יאָר 1919 האָבן נעגערישע אַרענדאַרן אין ראַיאָן פון פיליפּס, אין שטאַט אַרקענזאָ זיך אָרגאַניזירט כּדי אויסצוקעמפן רעגולערע קאָנטראַקטן און אַ מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן די בוכפירונג פון די פּלאַנטאַטאָרן. עס איז דאַן געקומען צו אַ בלוטיקער שחיטה, בעת וועלכער אַרום 50 נעגערישע אַרבעטנדיקע זענען דערמאָרדעט געוואָרן.

נישט קאָנענדיק זיך קיינמאָל באַפרייען פון זיינע חובות לגבי זיין באַלעבאָס, בלייבט דער נעגער שטענדיק אָפּהענגיק פון אים. געבנדיק אים די ערשטע הלוואה אויפן חשבון פון צוקונפטיקן שניט, שליסט דער פּלאַנטאַטאָר מיט אים אַ שריפטלעכן, אָדער מינדלעכן אָפּמאַך, וואָס בינדט צו דעם נעגער צו דער ערד, וועלכע ער באַאַרבעט. אויפן סמך פון די געזעצן אין די דרומדיקע שטאַטן, קאָן דער פּלאַנטאַטאָר מאָנען אַ הויכע אַנטשעדיקונג פון אַרענדאַר, וועלכער פאַרוועט פאַרלאָזן די פּלאַנטאַציע פאַרן שניט. איבעריקנס, אויפן סמך פון אַ קענגזייטיקער פאַרשטענדיקונג, וואָס עקזיסטירט צווישן די פּלאַנטאַטאָרן וועט אַזאַ אַרענדאַר אין ערגעץ נישט געפינען קיין אַרבעט, און קיינער וועט אים נישט פאַרדינגען קיין ערד.

ווען עס זאָל דעם אָרעמען נעגער אַפילו געלונגען אַליין, אָדער צוזאַמען מיט זיין משפּחה, צו אַנטלויפן אַ היפּשן מהלך פון דער פּלאַנטאַציע, וועט עס אויך נישט ענדערן זיין לאַגע. אויף די וועגן פון די דרומדיקע שטאַטן גראַסירן פּאַטראָלן פון זשאַנדאַרן, וואָס אַרעסטירן יעדן נעגער, וועלכער איז אין ערגעץ נישט באַשעפטיקט און האָט נישט מיט זיך קיין געלט. אין תּפיסה שטעלט מען דעם נעגער פאַרן אויסוואַל: וועסט גיין אַרבעטן אין אַ פּלאַנטאַציע, אָדער וועסט דאָ שמאַכטן לאַנגע יאָרן אויפן סמך פון געזעץ קעגן וואַגאַבונדן.

דאָס איז אָבער נאָך נישט אַלץ. דער פּלאַנטאַטאָר, אָט דער ווילדער אויסנוצער, וואָס האָט אויסגעבאָרגט זיינע נעגער נישטיקע סומעס אויף צו פירן אַ קלאָגעדיקע עקזיסטענץ, ליאַרעמט אָן אויפהער, אַז ער איז נישט זיכער, צי זיי וועלן באַוויזן אויסצוצאָלן נאָכן שניט זייערע חובות. ער יאָגט דעריבער די נעגער צו אַרבעטן שנעלער און וואָס מער שעהן, איינצושפּאַנען צו דער אַרבעט זייערע פרויען און קינדער און בכלל אויסצופירן זיינע אַלע באַפעלן.

דער נעגערישער פּראָגרעסיווער פּובליציסט הערי העיווד באַשרייבט אין זיין בוך „די באַפרייונג פון די נעגער“ אויף פאָלגנדיקן אופן די אַרבעטס־באַדינגונגען אויף די פּלאַנטאַציעס:

„א שטרענגע אויפזיכט איבערן אַרענדאַר, א דערנידעריקנדיקע אונטער־טעניקייט און א בלינדע געהאָרכזאַמקייט לגבי דעם מינדסטן קאַפּריז פון פּריץ, כאַראַקטעריזירן די באַציונגען אויף די פּלאַנטאַציעס. דאָס רעכט צו באַשליסן וועגן און וואָס עס וועט געזייט אָדער געפלאַנצט ווערן, געהערט אויסשליסלעך צום באַלעבאָס. אין תוך דערלויבט דער דאָזיקער באַדינג דעם לאַנד־באַזיצער צו באַשטימען, וואָס און וויפל דער אַרענדאַר וועט עסן. דער גוטבאַזיצער באַ־שטימט אויך די לענג פון אַרענדאַרס אַרבעטס־טאָג, וואָס דויערט אין דער פּראַקטיק פון זון־אויפגאַנג ביז אין דער נאַכט אַריין. אין פיל פאַלן באַוואַכט די אַרבעט א באַוואָפנטער אויפזעער, אָן איבערגעגעבענער אויספירער פון פּריצס באַפעלן“.

די בורזשואזע אַמעריקאַנער צייטשריפט „פאָרטשון“ האָט אין איר נומער פון מערץ 1937 איבערגעגעבן, אַז אין פיל דרומדיקע פּלאַנטאַציעס מוזן די קינדער פון אַרענדאַר אַרבעטן א גאַנצן טאָג אין פעלד. די צייטשריפט ברענגט אַלס ביישפּיל די ריזיקע 15 טויזנט העקטאַר פּלאַנטאַציע פון דער פירמע „דעל־טא ענד פּאַינלענד קאָמפּאַני“ אין שטאַט מיסיסיפּי, וווּ קינדער מוזן שוין אין עלטער פון 6 יאָר וויניקסטנס העלפן ביים אַראָפּנעמען דעם ביינוואָל און דעם טאַבאַק פון פעלד.

און ווי לעבט זיך די נעגערישע אַרענדאַרן נאָך דער אַרבעט? עס איז גענוג אין דעם פּרט צו ציטירן דעם באַקאַנטן טוער פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי האַראָלד לאַסקי, וועלכער האָט מיט איניקע יאָר צוריק באַזוכט דעם „שוואַרצן גאַרטל“. אין זיין בוך „די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע“, אין וועלכן ער לויבט שטאַרק דעם „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער“, מוז לאַסקי אָבער מודה זיין, אַז:

„כל זמן מען איבערצייגט זיך נישט אין דעם מיט די אייגענע אויגן, איז שווער צו גלייבן, אַז די לעבנס־באַדינגונגען פון די קליינע אַרענדאַרן זענען אַזעלכע שרעקלעכע. די דאָזיקע לייט וווינען מערסטנס אין כאַלופּקעס, וואָס באַשטייען פון דינע ברעטער מיט דיקטענע לעכער, אָן פענצטער. די היגיענישע באַדינגונגען זענען שרעקלעכע. אויף 50 אַזעלכע כאַלופּעס פאַלט אויס דורכ־שניטלעך איין אוביקאַציע. צווישן די איינוווינער פון אָט די נאָרעס האָבן בלויז געציילטע געזען אין זייער לעבן א דאָקטאָר... די פרויען טראָגן אַלטע קליידער פון פּערקאַל. זעלטן וועלכעס קינד עס האָט שיך. די מלבושים פון די קינדער לאַטען זייערע מאַמעס צוזאַמען פון אַלטע זעק. לייַלעכער, קאָלדרעס און לייוונט פאַר וועש געהערן צו די זעלטענע זאַכן, וועלכע מען באַנוצט נישט אין אָט

די אמעריקאנער ביינוול-ראיאָנען. אָנשטאָט מעבל באנוצט מען דאָ הויפּטזעבלער אלטע הילצערנע קעסטלעך...“.

אָט וואָס פאר אן עקזיסטענץ פון קאטאָרזשנער ארבעט און אומבאשרייבלעכער נויט עס פירן די נעגערישע שקלאפן, וועלכע זענען צוגעבונדן צו דער ערד פון זייער האר און האָבן פאקטיש אפילו נישט קיין רעכט זיך פריי צו באוועגן.

נישט פיל בעסער לעבט זיך די מאסן נעגערישע ארבעטער אין די שטעט און אינדוסטריעלע באצירקן פון דרום. זיי פירן אומעטום אויס די שווערסטע ארבעטן און קריגן א פיל נידעריקערן לוין, ווי א ווייסער ארבעטער קריגט פאר דער זעלבער ארבעט. די נעגערישע פויערים, וועמענס צאָל עס איז זייער א קליינע, פירן אויך א געמוטשעטע לעבן, ווייל זיי האָבן ווייניק ערד אין די אמווייניקסטן פרוכטבארע געגנטן און ווייל די רייכע ווייסע סוחרים, וואָס קויפן אויף זייערע פּראָדוקטן, צאָלן זיי דערפאר גראָשנדיקע פּרייזן.

אין דער אויפהאַלטונג פון שקלאַפעריי און די פּלאַנטאַציעס און אין דער שרעקלעכער נויט פון די נעגערישע מאסן בכלל זענען פאראינטערעסירט נישט בלויז די דרומדיקע לאנד-באזיצער, די דירעקטע אויסנוצער פון די נעגער, נאָר אויך די גרויסע טרעסטן און קארטעלן, וואָס באהערשן די ווירטשאפט פון די פאראייניקטע שטאטן.

קודם כל, ווערן די פּלאנטאציעס פינאנסירט מיט קרעדיטן דורך די פיליעס פון די וואָל-סטריט בענק אין די דרומדיקע שטעט. דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָסאלע רווחים, וואָס דער פּלאנטאטאָר פּרעסט ארויס פון זיינע פויערים, פליסט אלזאָ סוף כל סוף אריין אין די קאסעס פון פינאנס-קאפּיטאל. די מאגנאטן פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע און דער טאבאק-אינדוסטריע שטרעבן פון זייער זייט אויפצוהאלטן די שקלאפעריי אין דרום, ווייל זי פארזיכערט זיי ביליקע רוישטאָפן. אויסערדעם זענען די פּלאנטאציעס אין „שווארצן גארטל“ א רעזערוו פון ביליקער ארבעטס-קראפט פאר די פאבריקן אין די דרומדיקע שטאטן און אין אנדערע געגנטן פון לאנד.

די אָנוועזנהייט פון מיליאָנען נעגער, וואָס זענען געצוווּנגען אָנצונעמען אפילו די ערגסטע ארבעטס-באדינגונגען, דערלויבט אויסער דעם די מאָנאָפּאָליסטן אראָפּצונידעריקן די לוינען און דעם לעבנס-סטאנדארט אויך פון די ווייסע ארבעטער און פארמערס אין די דרומדיקע שטאטן. דער דרום — דאָס איז די אָרעמסטע און פון אלע שטאנדפּונקטן די אממערסטן צוריקגעשטאנענע געגנט פון די פאראייניקטע שטאטן.

כדי צו האמעווען די אנטשטייונג פון א פאראייניקטן פראָנט פון די ווייסע און שווארצע ארבעטנדיקע קעגן זייערע שותפותדיקע שונאים, צווינגט די בור-

זשואַזיע די נעגער צו לעבן אין פולקאָמער אָפּגעזונדערטקייט. יעטוועדער קאָנ=טאַקט צווישן ווייסע און נעגער ווערט באַשווערט אויף הונדערטער אופנים. אוי=סער דעם דערציען די הערשנדיקע קלאַסן די ווייסע איינוווינער פון דרום אין גייסט פון ראַסן=פאָראורטיילן און נעגער=האַס.

עס איז כדאי צו זען, ווי אזוי דאָס ווירקט זיך אויס אויפן לעבנס=שטייגער פון די נעגערישע ארבעטנדיקע און די דרומדיקע שטאטן.

פאַר נעגער איינגאַנג פאַרבאָטן...

אין די גאסן פון די דרומדיקע שטעט און שטעטלעך, וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו באזוכן אין די פאראייניקטע שטאטן, האָט זיך מיר אממערסטן געוואָרפן אין די אויגן דער פאקט, אז נעגער און ווייסע גייען קיינמאָל נישט צוזאמען.

אפילו ווען א ווייסער און א נעגער דארפן ערגעץ גיין דערלעדיקן עפעס אן ענין צוזאמען, האלטן זיי זיך אויפן גאנצן וועג אָפּגעזונדערט. פון פאָרנט גייט דער ווייסער און דער נעגער פאָלגט אים נאָך אויף אַ באַשטימטער דיסטאנץ. פון די פאבריקן און אנדערע ארבעטס=אונטערנעמונגען גייען ווייסע און שווארצע ארויס דורך באזונדערע טויערן. אין טראמוויי שטייגן זיי איין דורך באזונדערע איינגענג און זיצן אין סעפּארירטע אָפּטיילן.

אין די שענערע קווארטאלן און אין צענטער פון יעדער דרומדיקער שטאָט טרעפט איר אויף שריט און טריט א קורצן און לאקאָנישן אויפשריפט „אואיט אָנלי“ — נאָר פאר ווייסע. דער האָזיקער אויפשריפט וואָרנט די שווארצהויטיקע דורכגייער, אז זיי זאָלן חלילה נישט וואגן איבערצוטרעטן די שוועל פון הונדערטער מקומות, וואָס זענען רעזערווירט פאר דער „הערן=ראסע“.

אין אלע דרומדיקע שטאטן איז נעגער געזעצלעך פארבאָטן צו פאָרן אין די אָפּטיילן פון באן=וואגאָנען, וואָס זענען באשטימט פאר ווייסע, אריינצוגיין אין די „ווייסע“ ווארטע=זאלן אויף וואָקזאלן, זיך צו געפינען אין די זעלבע פארקן, קירכעס, שפּיטאָלן, האָטעלן, רעסטאָראנען און פארוויילונגס=ערטער, ווו עס פארקערן ווייסע. אין די תפיסות זענען פאראן ספּעציעלע אָפּטיילונגען פאר נעגער. די געזעצגעבונג פון שטאט דרום=קאראָלינע פארבאָט נעגער צו ארבעטן אין די זעלבע צימערן מיט ווייסע אין טעקסטיל=פאבריקן, צו באנוצן די זעלבע קלאָזעטן און צו גיין אויף די זעלבע שטיגן.

אין דער דרומדיקער אינדוסטריעלער שטאָט בירמינגהעם, ווו ווייסע און שווארצע שטאָל=ארבעטער פון די זעלבע הוטעס ווייזן ארויס א נייגונג זיך צו

באפריינדן, האָט דער שטאָט־ראַט מיט עטלעכע יאָר צוריק ארויסגעגעבן אן אָריגינעלע פאַראָרדנונג. די האָזיקע פאַראָרדנונג באַדראָט מיט 6 יאָר תפיסה, יעדן נעגער און ווייסע פּערזאָן, „וואָס וועלן צוזאַמען, אָדער אין דער זעלבער געזעלשאַפט שפּילן אין קאָרטן, דאָמינאָ, דאַמקע, אָדער וועלכע עס איז אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שפּיל".

אין דער גרויסער שטאָט אַטלאַנטאַ פאַרבאָט א ספּעציעל געזעץ שוואַרצע פריזירער צו באַדינען ווייסע מענער אָדער פרויען. אין אַנדערע שטעט טאָרן נעגער נישט זיין קעלנער אין „ווייסע" רעסטאָראַנען. אין פיל דרומדיקע שטעטלעך טאָר קיין צוגערייזטער נעגער נישט איבערבלייבן נאָך זון־אונטערגאַנג.

די דאָזיקע אַלע אָפיציעלע געזעצן צילן צו דערנידעריקן דעם נעגער, צו אַנטמוטיקן אים, צו דערפירן אים צו א צושטאַנד פון גייסטיקער נידערגעשלאָגנקייט, כדי ער זאָל זיין געהאָרכזאַם און אונטערטעניק. גלייכצייטיק זענען די האָזיקע געזעצן אויסגערעכנט אויף צו שטערן די ווייסע אַרבעטנדיקע פון די דרום־שטאַטן זיך נעענטער צו באַקענען מיטן נעגער. ווייל ביי א נעענטערן קאָנטאַקט וואָלט דער ווייסער אַרבעטנדיקער שנעל איינגעזען די פאַלשקייט און זינלאָזיקייט פון די ווילדע ראַסן־טעאָריעס, אין וועלכע די הערשער פון לאַנד האָדעווען אים אויף זינט קינדהייט. ער וואָלט דאַן שנעל זיך באַפרייט מיט זיין נעגערישן אַרבעטס־חבר און צוזאַמען מיט אים געקעמפט קעגן זייער געמיינזאַמען שונא, דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל.

די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע זאָגט צו אַלע איינוווינער פון לאַנד גלייכע רעכט. פאַררופנדיק זיך אויף אָט די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, האָבן נעגער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אָנגעקלאָגט פאַרן געריכט די דרומדיקע מאַכט־אָרגאַנען, וואָס ווענדן קעגן זיי אָן כלערליי דיסקרימינאַציעס. פאַרטיידיקנדיק די אַנטי־קאָנסטיטוציאָנעלע ראַסן־געזעצגעבונג, ענטפערן די ריכטער, אָט די געטרייע דינער פון קאַפּיטאַליזם, שטענדיק אומגעפער בזה הלשון:

„לויט דער אַמעריקאַנער אויספאַסונג פון „דעמאָקראַטיע" מעג יעדע גרופּע מענטשן זיך חברן מיט וועמען זי וויל און אויסמיידן יעדן, וואָס געפעלט איר נישט. גלייכבאַרעכטיקונג באַדייט נישט, לויטן אָפיציעלן אַמעריקאַנער שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז אַריינלאָזן נעגער אין יעדן שטאָטישן פּאַרק, וואַרטע־זאַל, שפּיטאָל, אָדער שול. עס באַדייט דאַקעגן, אַז נעגער האָבן דאָס זעלבע רעכט ווי ווייסע אויף אַ שטאָטישן פּאַרק, אַ וואַרטע־זאַל, שפּיטאָל אָדער שול. רעזערווירט ספּעציעל פאַר זיי".

מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אולטראַ רעאַקציאָנערע אויסטייטשונג פון באַגריף „דעמאָקראַטיע", וואָס צילט אָפּצוטיילן מענטשן לויט ראַסן, כדי זיי אַנטקעגנצושטעלן און אויסצונוצן אין זייערע קעגנזייטיקע ראַסן־פאָראורטיילן און ראַסן־האַס. די אַרגומענטאַציע פון די אַמעריקאַנער ריכטער איז מערקווירדיק אויך

דערמיט, וואָס זי פארשווייגט דעם וועזנטלעכן פאקט, אז פאר די נעגער ווערן צוגעטיילט פיל קלענערע און ערגערע ווארטע־זאלן, שפּיטאָלן, שולן אאזוו.

אין שטעט, ווו נעגער בילדן א העלפט, אָדער אפילו א מערהייט פון דער באפעלקערונג, ווערט פאר זיי צוגעטיילט א פערטל, אָדער א פינפטל פון די זיץ־פלעצער אין די טראמווייען און אויטאָבוסן. אויף פיל דרומדיקע וואָקזאלן, ווו פאר ווייסע רייזנדיקע זענען רעזערווירט אייניקע גערוימע, רחבותדיקע ווארטע־זאלן, א באקוועמער רעסטאָראן, מאָדערנע וואש־צימערן און א פריזיר־אנשטאלט, מוזן נעגער אָפווארטן זייערע צוגן אין אן ענגער, האלב־פינצטערער און שטינקענדיקער קאמער, ערגעץ אין א ווינקל, ווייט פון די בליקן פון די ווייסע פאסאזשירן.

אין זיין בוך „כ'בין צוריקגעקומען פון די פאראייניקטע שטאטן“, האָט איליא ערענבורג אין פאָלגנדיקע ווערטער באשריבן זיינע באָבאכטונגען אין דרום:

„א צוג. באקוועמע האלב־ליידיקע אָפטיילן; ווייסע טרינקען וויסקי און דרימלען. איין וואגאָן איז איבערפולט — שווארצע. א שטורעמדיקער רעגן. אויף דער טראמוויי־סטאציע קומט צו פאָרן א וואגאָן. ער איז כמעט ווי ליידיק, אָבער א נעגערין מוז מיט אירע קינדער בלייבן אויפן רעגן — די ערטער, וואָס זענען באשטימט „פאר שווארצע“ זענען שוין פארנומען. א פארק: „פאר קאָלירטע איז דער איינגאַנג פארבאָטן“. אַ שיך־געוועלב — אַ נעגער מוז קויפן און נישט צומעסטן, ווייל אויב ער וועט מעסטן די שיך און וועט זיי נישט קויפן, וועט קיין שום ווייסער שוין נישט וועלן קויפן די פּאָר. וויפל מאָל האָבן אַמעריקאַנער מיר געלייגט אין די אויערן אריין פראזן וועגן בלערליי פרייהייטן, פון וועלכע זיי געניסן... זיי האָבן ליידער פארגעסן וועגן איין זאך — וועגן דער פרייהייט אָנצומעסטן שיך...“.

* * *

שוין אין טאָג פון זיין געבורט הייבט דער אמעריקאנער נעגער אָן צו ליידן פון ראסן־דיסקרימינאציע. אין מערסטנס שפּיטאָלן אין דרום נעמט מען בכלל נישט אָן קיין נעגער און אין די זעלטענע שפּיטאָלן, ווו עס איז פאראן א נעגערישע אָפטיילונג, איז זייער שווער צו געפינען א פרייען פלאץ. אויב א נעגערישע קימפעטאָרין ווערט געבראכט אין שפּיטאָל, ווו אלע בעטן פאר נעגער זענען פאַרנומען, לאָזט מען זי נישט אַריין און מען צווינגט זי צו געבוירן איר קינד אין גאס, אפילו ווען פיל „ווייסע“ בעטן זענען פריי.

אין יאָר 1937 איז די בארימטע נעגערישע זינגערין בעסי סמית שווער פארוואונדעט געוואָרן אין אן אויטאָמאָביל־פאָרפאל אין דרום. די בלוטנדיקע זינגערין האָט זיך גענויטיקט אין תיכּפדיקער הילף. קיין שום שפּיטאָל האָט זי אָבער נישט געוואָלט אָננעמען און זי איז נאָך פיל שעהן פון אומזיסטע באמיונגען געשטאָרבן פון אירע וואונדן.

אין די שפיטאָלן פון שטאַט מיסיסיפּי מאַכט אויס איין בעט אויף יעדע 440 ווייסע איינוווינער. אין פאַרגלייך מיט איין בעט אויף יעדע 2 טויזנט נעגער. בעת אין גאַנצן לאַנד מאַכט אויס איין דאָקטער אויף יעדע 750 נפשות, מאַכט אויס פאַר דער נעגערישער באַפעלקערונג פון שטאַט מיסיסיפּי איין דאָקטאָר אויף יעדע 18,132 נפשות.

צוליב זייער גרויסער נויט און דעם מאַנגל אין מעדיצינישער הילף לעבן נעגער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, לויט אָפיציעלע ציפערן, דורכשניטלעך מיט 8 יאָר ווייניקער ווי ווייסע איינוווינער, און שוין אין ערשטן יאָר פון זייער לעבן שטאַרבן צוויי מאָל אַזוי פיל נעגערישע קינדער, ווי ווייסע. דער אַמעריקאַנער פּובּ־ליציסט ע. הויש. מעזעריק האָט פעסטגעשטעלט, אַז בלויז אין שטאַט מיסיסיפּי, זענען 100 טויזנט מענטשן אומאויסהיילבאַר קראַנק אויף טובערקולאָז און 200 טויזנט ליידן פון כראָנישער מאַלאַריע.

אין 22 אַמעריקאַנער שטאַטן מוזן נעגערישע קינדער גיין אין באַזונדערע שולן. אין די דרומדיקע שטאַטן באַשטייען די שולן פאַר נעגער אָפט פון אַן אַל־טער געביידע פון א פּאָר צימערן, וווּ די קינדער לערנען זיך אין עטלעכע שיכטן. אָט די שולן האָבן געוויינלעך נישט די עלעמענטאַרסטע היגיענישע איינריכטונ־גען.

אין שול־יאָר 1943—1944 איז אין ראַיאָן פון מעיקאָן, אין שטאַט געאָר־גיע, אויסגעגעבן געוואָרן פון עפנטלעכע געלטער אויף יעדעם ווייס קינד העכער 80 דאָלאַר און אויף יעדעם נעגערישע קינד 10 דאָלאַר מיט 83 סענט, דאָס הייסט מיט קנאַפּע 8 מאָל ווייניקער. ענלעכע פאַרהעלטענישן עקזיסטירן אין אַלע דרומדיקע שטאַטן.

אַלס רעזולטאַט פון אָט דער לאַגע, איז לויט אַן אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון אָקטאָבער 1947 די צאָל פון אַנאַלפאַבעטן צווישן נעגער 6 מאָל אַזוי גרויס ווי צווישן דער ווייס־הויטיקער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

געמישטע חתונות צווישן נעגער און ווייסע זענען געזעצלעך פאַרבאָטן אין 30 שטאַטן, דאָס הייסט אין דער מערהייט אַמעריקאַנער שטאַטן. דאָס אַרטיקל 492 פון שטראָף־קאָדעקס אין שטאַט טעקסאַס דראָט מיט 5 יאָר תפיסה יעדעם געמישט פּאָרפאָלק, וואָס לעבט צוזאַמען. אין דרום־קאַראָלינע דראָט אַ יאָר טורמע דעם גלח אָדער ריכטער, וואָס פירט אַדורך אַ חתונה־צערעמאָניע פון אַ געמישט פּאָרפאָלק.

אין די שטאַטן מערילענד, געאָרגיע און אַרקענזאַס גילט א געזעץ, אויפן סמך פון וועלכן א ווייסע פרוי, וואָס האָט א קינד פון א נעגער, אָדער א מולאַט, קאָן פאַרמשפּט ווערן אויף 5 יאָר תפיסה. דאָס דאָזיקע געזעץ ווערט דורך די הערשנדיקע קרייזן מאָטיווירט דורך דער „באַדערפעניש איינצוהאַלטן די ריינ־קייט פון דער ווייסער ראַסע“. דורך אַבּ, קומט קיינמאָל נישט אויס אָנצוווענדן

דאָס דערמאָנטע געזעץ וויל צוליבן גרויזאַמען טעראָר קעגן זיי וואָגן נעגער קיינמאָל נישט זיך צו דערנענטערן צו א ווייסער פרוי.

אין די דרומדיקע שטאַטן באַשיצט אָבער קיין שום געזעץ נישט די נעגערישע פרויען, וואָס זענען אָפט קרבנות פון גוואַלדטאַטן מצד זייערע ארבעטס־געבער און אַנדערע ווייסע כוליגאַנעס, וועלכע ווערן קיינמאָל נישט באַשטראָפט. פאַלן פון דעם מין זענען זיינט פיל גענעראַציעס אזא אָפטע דערשיינונג, אַז לויט געוויסע אָפּשאַצונגען זענען ארום 90 פּראָצענט פון די נעגער אין די פאַראייניקטע שטאַטן היינט מולאַטן.

דער רעאַקציאָנערער אמעריקאַנער שרייבער הושאָן גאַנטער דערציילט אין זיינם א בוך וועגן אַמעריקאַנער לעבן, אַז די פאַרמעגלעכע ווייסע משפּחות אין דרום נעמען ספּעציעל צו דער אַרבעט שיינע נעגערישע דינסט־מיידלעך פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון זייערע דערוואַקסענע זין. ווען אַזאַ נעגעריש מיידל ווערט פאַרשוואַנגערט, ווערט זי אַרויסגעטריבן פון הויז. דאָס קינד פון ווייסן גביר וואַקסט דערנאָך אויף אין שוואַרצן געטאָ און ווערט שפּעטער אויסגענוצט, אונטערדריקט און דערנידעריקט דורך זיין אייגענעם טאַטן, וואָס וויל אים נישט אָנערקענען.

אין אמעריקע טרעפט מען פיל מולאַטן, וועמענס אויסערלעכער אויסזען עס פאַראַט נישט זייער נעגערישע אָפּשטאַמונג. אָבער די ראַסיסטישע געזעצן פאַרפאָלגן אויך די דאָזיקע מישלינגען. אויב עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז דער מולאַט האָט געהאַט א נעגערישע באָבע אָדער עלטער־באָבע, ווערט ער צוגלייך מיט אַלע נעגער אונטערגעוואָרפן די אוממענטשלעכע ראַסן־דיסקרימינאַציעס.

רעכטלאָזיקייט, פּאָגראָמען, לינטשן

אין דעם פּוילן דרומדיקע שטאַטן, וווּ עס זענען קאָנצענטרירט העכער 10 מיליאָן שוואַרצע, איז נישטאָ קיין איין נעגערישער דעפּוטאַט אָדער סענאַטאָר, קיין איין נעגערישער בירגערמייסטער, אָדער ריכטער. אפילו אין די ראַיאָנען, וווּ די נעגער בילדן אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג, זענען זיי נישט רעפּרעזענטירט דורך קיין נעגערישע ראַטמענער אין די אָרטיקע מאַגיסטראַטן און דאָרפס־פאַרוואַלטונגען.

די אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע" באַרויבט אַזוי אַרום מיליאָנען אַרבעטנדיקע פון יעדער מעגלעכקייט צו האָבן עפּעס אַ דעה אין דעם פאַרוואַלטן מיט די עפנטלעכע ענינים אין זייערע וווינערטער. נאָכמער, די רעאַקציאָנערע מאַכט־האָבער פון דרום זאָרגן שוין דערפאַר, אַז אין אַלע מלוכה־אָרגאַנען פון אָט די געגנטן זאָלן זיך געפינען בלויז פאַנאַטישע ראַסיסטן, פאַרביסענע שונאים פון נעגערישן פאָלק.

כדי צו דערגרייכן אַזאַ רעזולטאַט, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פון די דרומדיקע שטאַטן שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק איינגעפירט אַ סך ספּעציעלע געזעצן, וואָס גילטן ביזן היינטיקן טאָג און וואָס באַרויבן די נעגערישע מאַסן פון זייער וואַל־רעכט.

אויפן סמך פון אָט די געזעצן פאַרלאַנגט מען אין פיל ערטער פון אַ נעגער, וואָס וויל שטימען, ער זאָל באַצאָלן ספּעציעלע, הויכע שטייערן. אין אַנדערע ערטער פאָדערט מען פון אים, ער זאָל באַווייזן, אַז ער אָריענטירט זיך אין פּאָליטיק און אַז ער פאַרשטייט די קאָנסטיטוציע פון געגעבענעם שטאַט. וואָס פאַר אַן ענטפער דער נעגער זאָל אָבער נישט געבן, דערקלערט מען אים, אַז ער איז „נאָכנישט גענוג פּאָליטיש רייף" אָנטיילצונעמען אין וואַלן...

אין פיל דרומדיקע ראַיאָנען פאָדערן די וואַל־באַאַמטע פון נעגער, ער זאָל „באַווייזן", אַז ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט באַשטראָפט געוואָרן. פון זייער זייט זאָגן די געריכטס־אָרגאַנען זיך אָבער אָפּ אַרויסצוגעבן אַזאַ באַ־

שייניקונג. אין שטאט מיסיסיפי פארלאנגט מען פון נעגער, וואָס שטרעבן צו דערוווערבן וואל-רעכט, זיי זאָלן זיך דערנידעריקן און שווערן, אז זיי זענען קעגנער פון ראסן-גלייכבארעכטיקונג און אז זיי שעצן די אלטע דרומדיקע מנהגים פון פעריאָד פון נעגער-שקלאפעריי.

מיט דער הילף פון אָט אַזעלכע באַגרענעצונגען און שיקאַנעס באַרויבט די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע די נעגערישע מאַסן פון זייערע פּאָליטישע רעכט. מיט דער הילף פון אָט אַזעלכע מיטלען באַמיט זי זיך נישט צוצולאָזן זיי צום פּאָליטישן לעבן, כדי זיי לייכטער איינצוהאלטן אין צוים.

היות די נעגער שטעלן אָבער א ווידערשטאנד און קעמפן פאר זייערע רעכט, צעפלאקערט די רעאקציע קעגן זיי א בלוטיקן טעראָר. אין אלע ווינקלען פון דרום זענען טעטיק די באנדעס פו קו-קלוקס-קלען, א פאשיסטישע מיליטע-רישע אָרגאניזאציע, וואָס איז באוואָפנט מיטן ביקסן, קוילנוואָרפער און טרערן-באָמבעס. די האָזיקע באנדעס פירן דורך זייערע מערדערישע מעשים אָפן, פאר די אויגן פון דער אָפיציעלער מאכט און אונטער איר שוץ.

טיילמאָל מעלדעט דער קו-קלוקס-קלען פון פאָרויס דורך ספּעציעלע פּלא-קאטן, אָדער דורכן אָרטיקן ראדיאָ, אז ער קומט זיך אָפּרעכענען מיט א נעגער, וואָס האָט געפרווּוט זיך ארויסרייסן פון געטאָ, אָדער וואָס האָט געוואגט צו פּראָטעסטירן קעגן דער אונטערדריקונג פון זיין פאָלק. אין שטאט אלאבאמא זע-נען די פאשיסטן פון קו-קלוקס-קלען אין יאָר 1951 אמאָל געקומען אין 46 אוי-טאָמאָבילן, כדי אינמיטן העלן טאָג, פאר די אויגן פון דער פּאָליציי, צו דער-מאָרדן א נעגער. ווען די נעגער האָבן ערב די וואלן אין יאָר 1952 אונטערגענו-מען אן ענערגישע מאסן-אקציע, כדי אויסצוקעמפן וואל-רעכט, האָט דער פירער פון קו-קלוקס-קלען אין שטאט פלאָרידע עפנטלעך אָנגעזאָגט, אז זיין אָרגאניזא-ציע וועט שאפן א גאנצע אנטי-נעגערישע ארמיי, כדי דערצו נישט צו דערלאָזן. די מאכט-אָרגאנען האָבן אויך אין דאָזיקן פאל נישט רעאגירט.

די פאשיסטן פון קו-קלוקס-קלען פירן דורך זייערע באנדיטישע אקציעס מיט א גרויסן טראראם און פּאָמפּע, כדי אויפצורודערן די עפנטלעכע מיי-נונג און אָפּצושרעקן די נעגערישע מאסן. צום ערשטן מאָל קומען זיי אָן אויפן אָרט און צינדן אָן אויף אַ דערבייאיק פעלד אַ גרויסן הילצערנעם צלם. דאָס איז א וואָרענונג לגבי די, וואָס האָבן „עובר געווען" אויף די הערשנדיקע ראַ-סיסטישע כללים. צומאָרגנס, אָדער א פּאָר טעג שפּעטער קומען זיי ווידער און דערמאָרדן אין קאלט בלוט זייער קרבן.

די אָנפאלער באמיען זיך אָפּט ארייננצוציען די אָרטיקע ווייסע באפעלקע-רונג אין זייערע בלוטיקע מעשים. צו דעם צוועק ווערט אויסגעטראכט עפּעס א געמיינער בלבול, אויפן סמך פון וועלכן די אָרטיקע רעאקציאָנערע פּרעסע צע-פלאקערט אן אנטי-נעגערישע העצע, רופנדיק צו נקמה-אקטן. עס דערגייט טייל-

מאָל צו בלוטיקע פּאָגראָמען און לינטשן, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך די צעווילדעוועטע פאשיסטישע בעסטיעס פון קו-קלוקס-קלען.

כדי צו טעראָריזירן די נעגערישע באפעלקערונג, פירט די אמעריקאנער רעאקציע אויך אָפּט אדורך „לעגאלע" לינטשן. אויפן גרונט פון א בלבול און פון דערקלערונגען פון פאלשע עדות, וועלכע זענען זיך סותר איינער מיטן צווייטן, ווערן אומשולדיקע נעגער פארמשפּט צום טויט און אומגעבראכט. די לייענער געדענקען נאָך געוויס דעם פאל פון אומשולדיקן נעגער-ארבעטער ווילי מאק-גי, וועלכער איז אין פרילינג פון יאָר 1951 דערמאָרדעט געוואָרן אין דער תפיסה פון דער שטאָט לאָרעל, אין מיסיסיפּי. דער דאָזיקער גרויזאמער ראסן-מאָרד האָט אין זיין צייט ארויסגערופן א ריזיקע אויפרעגונג פון דער עפנטלעכער מיינונג אין דער גאנצער וועלט. מאָרדן פון דעם מין זענען אן אָפטע דערשיינונג אין דער אמעריקאנער ראסן-יוסטיץ.

* * *

אָט אזוי זעט אויס דאָס מארטירער-לעבן פון 10 מיליאָן ארבעטנדיקע נעגער, די „באפרייטע" שקלאפן פון דרום.

און ווי לעבט זיך די איבעריקע 5 מיליאָן נעגער, וואָס וווינען אין אנדערע געגנטן פון לאנד, ווו עס גילטן נישט די אלטע טראדיציעס פון שקלאפעריי? ווי ווערן נעגער באהאנדלט אין די גרויסע אינדוסטריעלע שטעט ניו-יאָרק און שיקאגאָ, וואָס ווערן באצייכנט אלס די „פּראָגרעסיווסטע שטעט" אין די פאראייניקטע שטאטן?

געטאָס אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט

אין די יאָרן פון דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אין דער קריגס־אינדוסטריע פון די פאראייניקטע שטאַטן האָט זיך געפילט א שטאַרקער מאנגל אין ארבעטער, איז א באדייטנדיקע צאָל נעגער געלונגען זיך ארויסצורייסן פון דעם דרומדיקן גיהנום און זיך אייַנצואָרדענען אין אנדערע געגנטן פון לאנד. אָבער אויך אין זייערע נייע וווינונגס־ערטער האָט די נעגער דערוואַרט א געמוטשעטער לעבן. אויך דאָ זענען זיי קרבנות פון ראַסן־דיסקרימינאַציעס.

א נעגער, וואָס וויל זיך אויסלערנען א פאַך, טרעפט אָן אויף אומגעהויערע שוועריקייטן אין ניו־יאָרק, שיקאגאָ, קאליפאָרניע און די אנדערע אינדוסטריעלע צענטערן פון לאנד. און אפילו ווען עס געלונגט אים צו דערווערבן א קוואליפיקאַציע, ווערט אים אָנקומען אויסערגעוויינלעך שווער צו קריגן באשעפטיקונג אין זיין פאַך. פונקט אזוי האָט זיין פרוי און זיין טאָכטער ריזיקע שוועריקייטן צו קריגן א פאָסטן אלס ביוראָ־באאַמטין, פארקויפערין אָדער טעלעפאָניסטין.

דעריבער זענען די נעגער אין די צפונדיקע און מערבדיקע שטאַטן הויפּטזעכלעך שוואַרצע ארבעטער אין דער אינדוסטריע, אָדער באדינער מכל המינים, טרעגער, נאַכט־וועכטער, קוכער, וועשערס, רייניקערינס און דאָס גלייכן.

די זעלטענע נעגער, וועמען עס איז נישט געקוקט אויף די קאָלאָסאלע שוועריקייטן געלונגען צו דערווערבן העכערע בילדונג, קאָנען געפינען א פאָסטן בלויז אין נעגערישע שפּיטאָלן, שולן און אינסטיטוציעס. כ'האָב קיינמאָל אין אמעריקע נישט געהערט ווען קיין פאַל, אַז אַ נעגער זאָל זיין אַ דירעקטאָר פון וועלכן עס איז אנשטאלט, אָדער אונטערנעמונג, וווּ עס ארבעטן ווייסע. אין די אמעריקאנער פּאָליטעכניקומס ווערן נעגער איבערהויפּט נישט צוגעלאָזט. נעגערישע מלוכה־באאַמטע פארנעמען כמעט אויסשליסלעך די נידעריקסטע שטעלעס. אויב מען טרעפט אין די גרויסע אמעריקאנער שטעט פיל נעגערישע זינגער, טענצער,

און מוזיקער — איז עס פּשוט דערפאר, וואָס די נעגער האָבן אדאנק זייערע באזונדערע גרויסע ארטיסטישע פעיקייטן אויסגעקעמפט פאר זיך א פּאָזיציע אין אָט די געביטן.

אין פארשידענע אמעריקאנער שטעט איז מיר אויסגעקומען צו באגעגענען נעגער מיט מיטעלער און העכערער בילדונג, וואָס האָבן געארבעט אלס באדינער פון ווינדעס און פון גאַרדעראָבעס. זיי האָבן אַלס נעגער נישט געקאָנט געפונען קיין בעסערע ארבעט. דער באַרימטער נעגערישער פּאָעט לענגסטאָן יוז האָט פיל יאָרן סאָרווירט שמוציקע וועש אין א וואשינגטאָנער וועשעריי.

דאָס ביוראָ-פּערסאָנאַל פון די גרויסע באַנקן, פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטן און וויכטיקע מלוכה-אינסטיטוציעס איז דורכויס „ריין" פון נעגער. דערפאַר געפינט איר אין אָט די אַלע ערטער נעגער אלס שיק-יינגלעך, פּאָרטיערן און באַדינער. אלס באַדינער אַרבעטן נעגער אויך אין סאמע ווייסן הויז. אויף ווי ווייט זייער ארבעט ווערט דאָ געשאצט, קאָן מען אורטיילן לויטן פאָלגנדיקן פאַקט. דעם 25-טן מערץ 1950 האָבן די אמעריקאנער אָוונט-צייטונגען געבראַכט אָט די ידיעה פון וואשינגטאָן:

„היינט פאַרמיטאָג האָט פּרעזידענט טרומאַן געהייסן אריינרופן אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט דעם 78-יאָריקן דזשאָן הייס און דעם 74-יאָריקן סעמועל דזשעקסאָן. ביידע זקנים זענען נעגער, זיי ארבעטן אלס געהילפן אין דער קיך פון ווייסן הויז, איינער זינט 41 יאָר און דער צווייטער זינט 39 יאָר. דער פּרעזידענט האָט זיי געדאַנקט פאַר זייער געטרייער דינסט-לייסטונג און ער האָט יעדן פון זיי דערלאַנגט א פּרעמיע אין דער הויך פון איין דאָלאַר".

נישט מער און נישט ווייניקער. איין דאָלאַר. אָט דאָס איז די מאָס פון דער גרויסצוגיקער דאַנקבאַרקייט פון די וואָל-סטריט-לייט פאַר 40 יאָר האָרעוואַניע פון א נעגער.

אין יעדער אמעריקאנער שטאָט, ווו עס לעבן נעגער, מוזן זיי וווינען אין ספּעציעלע געטאָס. אפילו אזעלכע וועלט-באַרימטע קינסטלער ווי דער זינגער פּאָל ראָבסאָן און די נעגערישע טענצערין זשאָזעפין בעקער קאָנען נישט קריגן קיין צימער אין וועלכן עס איז פון די צענטראַלע האָטעלן אין אַן אמעריקאנער גרויסער שטאָט.

די נעגערישע געטאָס געפינען זיך געוויינלעך אין די אָרעמסטע קוואַרטאַלן פון יעדער שטאָט, אין אַלטע און שטאַרק פאַרנאַכלעסיקטע הייזער, וועמענס אַמאָליקע ווייסע איינוווינער האָבן זיי שוין מיט פיל יאָרן צוריק פאַרלאָזט אלס אומבאַוווינבאַרע. די דאָזיקע האַלב-איינגעפאַלענע חורבות, האָבן די געלט-גיריקעווירטסלייט פאַרדונגען צו נעגער, וואָס קאָנען נישט געפינען קיין וווינונגען אין קיין אנדערע טיילן פון שטאָט. נאָכמער, כדי ארויסצופּרעסן פון זייערע לאָקאַטאָרן וואָס מער דירה-געלט, פאַרדינגען די ווירטסלייט געוויינלעך יעדע נעגערישע משפּחה בלויז איין צימער, אָן שום באַקוועמלעכקייטן, און זיי הייסן

זיך דערפאַר באַצאָלן אַזוי פיל געלט, פאַר וויפל מען קאָן אין יעדן אַנדערן קוואַרטאַל קריגן אַ גאַנצע מאָדערנע וווינונג.

וועגן דער שרעקלעכער ענגשאַפט, אין וועלכער עס וווינען די נעגער, קאָן מען זיך שאַפן א באַגריף פון די פאָלגנדיקע פאַקטן. אין דער שטאָט באַלטימאָר, ווו די נעגער בילדן 20 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, פאַרנעמען זיי בלויז 2 פּראָצענט פון שטח פון אַלע וווינונגען. די צייטשריפט „אַרקיטעקטשוראַל פאָרום" פון יאַנואַר 1946 האָט, באַהאַנדלענדיק די ענגשאַפט אין איין הייזער-בלאָק אין ניו-יאָרקער נעגערישן קוואַרטאַל האַרלעם, פעסטגעשטעלט, אַז וווינענדיק אַזוי געדיכט וואָלט די גאַנצע אַמעריקאַנער באַפעלקערונג פאַרנומען בלויז א העלפט פון שטח פון דער שטאָט ניו-יאָרק.

אין האַרלעם האָט די באַפעלקערונג אין די לעצטע 25 יאָר זיך פאַרגרעסערט אויף 6 מאָל, און קיין נייע הייזער זענען דורך דער צייט נישט אויפגעבויט געוואָרן. אין איין הויז, אין שוואַרצן געטאָ פון שיקאַגאָ, אויף דער קאַליומעטגאַס נומער 3323, האָבן אַמאָל געוווינט 8 ווייסע משפּחות. איצט באַוווינען דאָס זעלבע הויז 54 נעגערישע משפּחות. אין פיל פאַלן וווינען צו 2—3 משפּחות אין איין צימער, וואָס ווערט אָפּגעטיילט מיט שפּאַנישע ווענטלעך אָדער מיט קאָלדרעס. אין געוויסע פאַלן דינט איין אוביקאַציע פאַר עטלעכע צענדליק משפּחות.

אין די נעגערישע געטאָס ווערן די הייזער קיינמאָל נישט רעמאָנטירט. דאָס מיסט וואַרט דאָ לאַנגע חדשים מען זאָל עס אַרויספירן. די גאַסן ווערן דאָ זעלטן גערייניקט. די אינספּעקציע פון איין הייזער-בלאָק אין האַרלעם אין יאָר 1946 האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע 700 וווינונגען האָבן די ווירטסלייט דאָרט עובר געווען אויף די סאַניטאַרע און בוי-פאָרשריפטן.

ווי אַזוי אָט די שרעקלעכע אַנטיסאַניטאַרע וווינונגס-באַדינגונגען ווירקן אויפן לעבנס-שטייגער פון די אָרעמע נעגער, באַשרייבט א רעפּאָרטאַזש אין דער בירגערלעכער אַמעריקאַנער וואָכנצייטונג „לוק" פון 6-טן דעצעמבער 1949. ווייזנדיק א פאָטאָגראַפיע פון א נעגערין, שרייבט די צייטונג:

„פאַר אָט דער טרויעריקער באַלעבאָסטע פון האַרלעם איז שלאָף א טייערער לוקסוס. ווען אירע קינדער לייגן זיך שלאָפן, באַוואַכט זי זיי קעגן די הונגעריקע שטשורעס. מיט א חודש צוריק האָבן איר אויפגעוועקט פון שלאָף די געשרייען פון איר קלענסטן קינד. בלוט איז געפלאָסן פון 2 וווּנדן און דעם קינדס באַקן. אין דער פרי איז דאָס פיצעלע קינד געשטאָרבן.

אַזעלכע עפּיזאָדן זענען נישט קיין זעלטנקייט אין האַרלעם. הגם די דאָזיקע פרוי וואַשט כסדר איר פּאָדלאָגע און פאַרקלעפּט פעסט די לעכער, וואָס די שטשורעס פרעסן אויס, קאָן זי זיך נישט קיין עצה געבן, ווייל זי וווינט אין איינעם פון האַרלעמס 7 טויזנט אַלטע ציגל-הייזער, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן אין פאָריקן יאָרהונדערט. מערסטנס פון די הייזער זענען נישט רעמאָנטירט גע-

וואָרן זינט א פערטל יאָרהונדערט. די ווענט זענען אָפגעריסן, די אוביקאציעס זענען אומעטום פארשטאָפט, פון די קראנען רינט נישט קיין וואסער, די דירות זענען נישט באהייצט. די דאָזיקע אלטפרענקישע חורבות זענען איבערגעפאקט מיט העכער 450 טויזנט נעגער... דאָס איז אן אמתער מיטלאלטערלעכער געטאָ... אין די אנדערע קווארטאלן פון ניו-יאָרק צאָלן די איינוווינער ארום 20 פראָצענט פון זייער פאחדינסט פאר דירה-געלט, די הארלעם-איינוווינער צאָלן אומגעפער 45 פראָצענט... אין איין קליינעם הייזער-בלאָק אין הארלעם וווינען העכער 3800 נפשות. זיך אָפגעבנדיק א רעכענונג וועגן צוזאמענהאנג צווישן שרעקלעך ענגע דירות און טובערקולאָז, באצייכנט די הארלעם-באפעלקערונג דעם דאָזיקן בלאָק אלס דעם „לונגען-בלאָק“. אין הארלעם איז די צאָל טובערקולאָז-קראנקע פראָפאָרציאָנעל 4 מאָל גרעסער ווי אין די איבעריקע טיילן פון ניו-יאָרק. בעת אין דער גאנצער שטאָט שטארבן 20 קינדער פון יעדע טויזנט גלייך נאָך זייער געבורט, שטארבן אין הארלעם אזש 47 קינדער פון יעדע טויזנט“.

אָט דאָס אלץ דערציילט די בירגערלעכע אמעריקאנער וואָכנצייטונג „לוק“. מען קאָן צוגעבן, אז לויט אָפיציעלע ציפערן זענען אין די יאָרן 1939—1941 געשטאָרבן פון טובערקולאָז 45 פון יעדע 100 טויזנט ווייסע איינוווינער פון שיקאגאָ און אזש 250 פון יעדע 100 טויזנט נעגער אין דער זעלבער שטאָט.

בייטאָג געפינען זיך מערסטנס דערוואקסענע נעגער ביי דער ארבעט אין צענטער פון דער שטאָט, אין וועלכער זיי וווינען. טאָמער פארגלוסט זיך אָבער א שווארצן אָפצועסן אַ מאָלצייט אין אַ רעסטאָראַן, זיך אָפצושערן די האָר, צו זען א פילם, צו פארריכטן זיינע שיך, אָדער צו קויפן א העמד — מוז ער אראָפפאָרן אין זיין היימישן געטאָ. אין קיין שום אנדערן קווארטאל וועט מען אים נישט באדינען.

דעם דאָזיקן אומשטאנד, וואָס דער איינוווינער פון געטאָ מוז אלץ קויפן דאָרט און נישט ערגעץ אנדערש, נוצן אויס די אייגנטימער פון די גרויסע געשעפטן, וועלכע צווינגען אים צו צאָלן פאר יעדער זאך שרעקלעך אָנגעשרויפטע פרייזן. מען דארף אגב באמערקן, אז די צאָל פון נעגערישע קרעמער איז אן אויסערגעוויינלעך קליינע. אין הארלעם געהערט בלויז איין פראָצענט פון די געשעפטן צו נעגער. מערסטנס געוועלבער אין די שווארצע געטאָס זענען היינט — פונקט ווי אומעטום אין די פאראייניקטע שטאַטן — פיליעס פון גרויסע מאָנאָפאָליסטישע האנדלס-געזעלשאפטן, וועלכע האָבן צו הונדערטער, אָדער אפילו טויזנטער קראָמען אין אלע עקן לאנד.

די דאָזיקע מאָנאָפאָליסטישע פירמעס האלטן אין זייערע געשעפטן אין די שווארצע געטאָס הויפטזעכלעך פארלעגענע אָדער פארבראקירטע סחורות, פאר וועלכע עס איז שווער צו געפינען אן אָפזאץ אין אנדערע געגנטן. און פאר אָט

די מינדערווערטיקע סחורות נעמען זיי פון די נעגערישע געברויכער פיל העכערע פרייזן ווי עס קאָסטן ענלעכע אַרטיקלען פון בעסטן סאָרט ערגעץ אַנדערש.

ווי מיר זעען, ליידן די נעגער פון כלערליי ראַסן־דיסקרימינאַציעס אויך אין די צפונדיקע און מערבדיקע שטאַטן. זיי קריגן נידעריקערע לוינען ווי אַנדערע בירגער און מוזן פאַר אַלץ צאָלן העכערע פרייזן. מען רעזערווירט פאַר זיי די שווערסטע פיזישע אַרבעטן און מען צווינגט זיי צו וווינען אין עקלדיקע געגנטן. נאָכמער, אין די צפונדיקע שטאַטן הערשט אויך אַ בלוטיקער אַנטי־נעגערישער טעראָר, ענלעך ווי אין דרום. אין סיסעראָ, אַ פאָרשטאָט פון שיקאַגאָ, האָבן פאַשיסטן דורכגעפירט אין יאָר 1951 אַ בלוטיקן פּאָגראָם קעגן נעגער דערפאַר, וואָס איינציקע פון זיי האָבן געוואַגט זיך אַריינצוציען אין אַ הויז אויסער דעם געטאָ. אין מאַרטינסוויל, אין שטאַט ניו־דזשערזי, זענען 8 אומשולדיקע נעגער פאַרמשפּט געוואָרן אויפן סמך פון אַ פאַלשער אָנקלאַגע, אַז זיי האָבן כלומרשט פאַרגוואַלדיקט אַן אַלטע, ווייסע פרוי. אין יאָנקערס, אַ פאָרשטאָט פון ניו־יאָרק, איז ביז איצט נישט אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט אין יאָר 1951 אָן שום גרונט דערמאָרדעט 2 נעגער. ענלעכע פאַלן פּאַסירן כסדר אין פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מאָראַלישע איבערלעבענישן דאָס אַלץ רופט אַרויס ביי די עמפּפינדלעכע, האַרציקע און טעמפּעראַמענטפולע קרבנות פון אָט דעם ראַסיסטישן רעזשים. דאָס דערציילט צום ביישפּיל דער פאָרגעשריטענער פּאָעט לענגסטאָן יוז אין זיינס אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין דער בערלינער צייטשריפט „אָסט און וועסט“.

„דאָס לעבן פון די נעגער אין וואַשינגטאָן איז אַווירקלעכע געטאָ־עקזיסטענץ — שרייבט לענגסטאָן יוז. — כ׳האָב דאָרט קיינמאָל נישט געקאָנט זען קיין טעאַטער־פאָרשטעלונג, ווייל קיין נעגער פאַרקויפט מען פשוט נישט קיין בילעט. אין צענטער שטאָט האָב איך אין קאַלטע טעג אין ערגעץ זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען מיט קיין טעפּעלע קאַווע, ווייל קיין שום שוואַרצהויטיקע באַדינט מען איינפאַך נישט אין די „ווייסע“ רעסטאָראַנען. כ׳האָב נישט געקאָנט זען קיין נייע פילמען, ווייל מען ווייזט זיי נישט אין די נעגערישע קינאָס. מערקווירדיק נישט־דעמאָקראַטישע באַציונגען הערשן אין שטאָט פון דער „גרעסטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט“...

„די זיבעטע גאַס איז אַ לאַנגע, אַלטע, שמוציקע גאַס, וווּ מען טרעפט די דורכשניטלעכע פשוטע נעגער. די דאָזיקע לייט, וואָס מוזן שווער אַרבעטן פאַר זייער קלאָגעדיקער חיונה, לייגן נישט קיין אכט אויף עמעצנס אָפּשטאַמונג. אַ מענטש איז פאַר זיי אַ מענטש און זיי באַציען זיך אויפן זעלבן אופן צו מולאַטן, ווי צו נעגער.

זומער פלעגט מען אויף דער זיבעטער גאַס שפּילן און זינגען נעגערישע מעלאָדיעס. מאַנכע פון זיי זענען געווען פריילעכע לידער, ווייל דאָרט האָט מען

געקאָנט נאָר לוסטיק זיין, אָדער שטאַרבן. אנדערע לידער זענען געווען טרויעריקע, ווייל דאָרט האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון צו זיין טרויעריק. פיל פון די לידער זענען געווען אָנגעווייטיקטע, אָבער קיינמאָל נישט קיין פאַרצווייפלטע. די נעגער פלעגן אַרויפקוקן צו דעם קאָפּול פון קאַפּיטאָל (דער געביידע פון אמעריקאנער קאָנגרעס — י. ל.), דעם סימבאָל פון דער קאַפּיטאַליסטישער „דעמאָקראַטיע“ און זיי פלעגן אויסברעכן אין א הילכיקן געלעכטער...“.

האָט אזוי באשרייבט דאָס לעבן פון די איינוואוינער פון די שווארצע געטאָס א מענטש, וואָס האָט אליין מיטגעמאַכט זייערע ליידן.

אָקופּירטע געגנטן

נישט פיל בעסער ווי די נעגער באהאנדלט די אמעריקאנער „דעמאָקראַטיע" די איינוווינער פון מעקסיקאנער אָפּשטאמונג.

לענגאויס דער דרומדיקער גרענעץ פון די פאראייניקטע שטאטן, אין טעקסאס, ניי־מעקסיקע, אריזאָנע, קאליפאָרניע און אנדערע שטאטן, וווינען זינט דורות מיליאָנען מעקסיקאנער. אין פאָריקן יאָרהונדערט, ווען די הערשער פון אמעריקע האָבן צוגערויבט אָט די טעריטאָריעס פון מעקסיקע, האָט די גאנצע ערד אין די דאָזיקע מקומות געהערט צו דער היימישער, מעקסיקאנער באפעלקערונג. צו איר האָבן אויך געהערט די היגע נאטירלעכע אוצרות פון נאפט, גאָלד, זילבער און אַנדערע מינעראַלן, ווי די גרויסע סטאַדעס בהמות, וואָס האָבן זיך דאָ שטענדיק געפּאַשעט.

די אנגלאָזאקסישע דעראָבערער האָבן אָבער מיט דער צייט דורך שווינדל, שאנטאזש און בלוטיקן טעראָר ארויסגעריסן אָט די אלע רייכטימער פון באזיץ פון זייערע פריערדיקע אייגנטימער. די האָליוודער פילמען פון „ווילדן מערב", מיט זייערע אוואנטוריסטישע קאָובאָי־העלדן, שפיגלען אייגנטלעך אָפּ די לאנגיאָריקע קאמפאניע פון רויב, געוואלדטאטן און מאָרדן, וואָס באנדעס אין דינסט פון די פירנדיקע אמעריקאנער מאגנאטן האָבן דאָ געפירט קעגן די אָרטיקע מעקסיקאנער און אינדיאנער.

אין אָט די קאנטן זענען די מעקסיקאנער איצט כמעט לויטער נישט־קוואַליפיצירטע ארבעטער און באדינער פון דעם אָרטיקן „יחוס", וואָס באשטייט פון אנגלאָזאקסישע פאבריקאנטן, פריצים, טעכנישע ספעציאליסטן און מלוכה־באאמטע. אפילו ווען א מעקסיקאנער פירט אויס די זעלבע ארבעט, וואָס אנדערע אמעריקאנער ארבעטער, קריגט ער דערפאר א פיל נידעריקערן לוין.

די ארבעטסגעבער האלטן דאָ אנב ספעציעלע אויפזעער, וואָס באוואכן די מעקסיקאנישע לאנד־ארבעטער און נישט־קוואליפיצירטע שטאָטישע ארבעטער, אז זיי זאָלן ארבעטן מיט אלע כוחות און וואָס מער שעהן. עס פאסירן אויך

אָפט פאַלן, ווען מעקסיקאַנער אַרבעטער ווערן געשלאָגן ביי דער אַרבעט. אינטערווענצן ביי דער אָרטיקער מאַכט ברענגען קיינמאָל נישט קיין רעזולטאַטן.

די פאַרשטאַרקטע עקספּלאָאַטאַציע פון די מעקסיקאַנער דערשיינט אַזוי בולט, אַז אַפילו די בורזשואַזע אַמעריקאַנער שרייבערין עדנא פערבער האָט אין איר בוך „דער גיגאַנט“, וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1952, געשריבן אָפן: „דאָס פאַרשווינדערישע רייכטום פון די טעקסאַס־מיליאָנערן איז געבויט אויף די געבויגענע רוקנס פון די מעקסיקאַנער“.

מערסטנס שטעט און שטעטלעך אין אָט די געגנטן טראָגן ביזן היינטיקן טאָג זייערע אַלטע, שפּאַנישע נעמען. די מעקסיקאַנישע אַרכיטעקטור, וואָס פאַראייניקט אין זיך עלעמענטן פון אַלט־אינדישן און שפּאַנישן סטיל פון הייזער־בוי, דאָמינירט נאָך אַלץ כמעט אין אַלע אַרומיקע ישובים. אין אַ סך ערטער באַשטייט די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג — פון מעקסיקאַנער. אין דער שטאָט על־פּאַסאָ, צום ביישפּיל, זענען 70 פּראָצענט פון די איינוווינער — מעקסיקאַנער. אין ראַיאָן פון טאָאָס און אין פיל אַנדערע ראַיאָנען פון שטאַט ניי־מעקסיקע — אַזש 90 פּראָצענט.

אומזיסט וועט איר אָבער זוכן שפּאַנישע נעמען אין דעם רעגיסטער פון די היגע קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן, גובערנאַטאָרן און בירגערמייסטערס, שטאָטישע ראַטמענער און ריכטער. אַזעלכע זענען דאָ כמעט נישט בנמצא. די מעקסיקאַנישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, וואָס בילדעט אין די קאַנטן אַ באַדייטנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, האָט דאָ נישט קיין שום דעה אין דער פאַרוואַלטונג מיט די עפנטלעכע ענינים. הגם פאָרמעל זענען אַלע דאָ געבוירענע — אַמעריקאַנער בירגער, ווערן אָבער מערסטנס מקסיקאַנער דורך פאַרשידנאַרטיקע מאַנעווערן און שיקאַנעס באַרויבט פון זייער בירגער־רעכט.

די אַנגלאָזאַקסישע קאַפּיטאַליסטן און לאַנד־באַזיצער, וואָס באַהערשן אַלע אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, פירן אויף אַלע געביטן אַ פּאָליטיק פון דיסקרימינאַציע לגבי דער מעקסיקאַנישער באַפעלקערונג. די שטאָטישע קוואַרטאַלן, וואָס זענען באַוווינט דורך מעקסיקאַנער, ווערן שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. זיי קריגן נישט די נייטיקע וואַסער־ליטונג, קאַנאַליזאַציע, באַלייכטונג און טראַנספּאָרטמיטלען. די גאַסן ווערן דאָרט זעלטן־ווען גערייניקט. דאָס מיסט וואַרט דאָרט וואָכנלאַנג אויף שטאָטישע לאַסט־וועגענער, וועלכע דאַרפן עס אַרויספירן.

אַמעריקאַנער בירגער פון מעקסיקאַנישער אָפּשטאַמונג אַנגאַזשירט מען נישט אַלס קיין מלוכהשע, אָדער שטאָטישע באַאַמטע. עס זענען אַפילו נישטאָ קיין מעקסיקאַנישע טראַמוויי־קאָנדוקטאָרן, אָדער בריוו־טרעגער. מעקסיקאַנער לאָזט מען נישט צו צו קיין האַנטווערקער־שול, ווו זיי וואָלטן זיך געקאָנט אויסלערנען אַ פאַך, שוין נישט רעדנדיק וועגן קיין טעכניקומס און אוניווערסיטעטן. אַפילו ווען אַ מעקסיקאַנער באַזיצט די העכסטע קוואַליפיקאַציעס, קאָן זי

בשום אופן נישט קריגן קיין באַשעפטיקונג אַלס ביוראָ־באַאַמטין, טעלעפאָניסטין, אָדער האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

צווישן די לאָקאַלע פּריוואַטע אונטערנעמער און די רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער, וואָס פאַרוואַלטן מיט די עפנטלעכע אינסטיטוציעס, עקזיסטירט אַן אַלגעמיינע פאַרשטענדיקונג צו שטערן מיט אַלע כוחות דער אַנטשטייונג פון אַ היימישער מעקסיקאַנער אינטעליגענץ און פון אַ שיכט פון טעכניש־אויסגעבילדעטע, קוואַליפיצירטע אַרבעטער. אין די קרייזן פון דער אָרטיקער רעאַקציע הערט מען אָפט דעם אויסדרוק, אַז „מען דאַרף איינהאַלטן די מעקסיקאַנער אין זייער פּלאַץ", ד. ה. ביי קאַטאָרזשנער און שלעכט־באַלוינטער אַרבעט, וואָס פאַרלאַנגט נישט קיין באַזונדערע פאַכמענישע קענטענישן.

אין די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען אַ נייער סאָרט דיסקרימינאַציע קעגן די מעקסיקאַנער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. היות די אַמעריקאַנער אַגרעסיע אין קאָרעע האָט אַרויסגערופן אַ וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט מצד די אַמעריקאַנער מאַסן און די אַמעריקאַנער יוגנט האָט באַנוצט אַלערליי מיטלען אויף אַרויסצודרייען זיך פון אָנטייל צו נעמען אין אָט דער אַגרעסיע, האָט דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם מאָביליזירט אַלץ מער מעקסיקאַנישע יוגנטלעכע.

דער אָנגעזעענער טוער פון דער אַמעריקאַנער שלום־באַוועגונג, אַרטור ד. קאַהן, וואָס האָט געמאַכט אַ טורנע איבער די דרום־מערב־פּראָווינצן פון לאַנד, גיט איבער כאַראַקטעריסטישע פּרטים וועגן דעם אַרויסשיקן פון מאַסן מעקסיקאַנישע יוגנטלעכע צום פראָנט אין קאָרעע. אין זיין בוך „דאָס אַמעריקאַנער פאָלק וויל שלום", וואָס איז דערשינען אין 1952 יאָר אין ניו־יאָרק, לייענען מיר:

„הגם בלויז אַרום 70 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג פון על־פּאַסאָ באַשטייט פון מעקסיקאַנער, זענען צווישן 84 יונגעלייט, וואָס זענען דאָ לעצטנס מאָביליזירט געוואָרן, 80 געווען מעקסיקאַנער און נאָר 4 פון אַנגלאָזאַקסישער אָפּשטאַמונג. אין די ליסטעס פון געפאַלענע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אין קאָרעע, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין די היגע צייטונגען, געפינט מען אַן ענלעכע פּראָפּאָרץ.

אין באַיאַרד, אין שטאַט פון ניו־מעקסיקע, וו אומגעפער 50 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז פון אַנגלאָזאַקסישער אָפּשטאַמונג און 50 פּראָצענט פון מעקסיקאַנישער, האָבן צווישן 18 לעצטנס מאָביליזירטע רעקרוטן זיך געפונען 17 פון מעקסיקאַנישער אָפּשטאַמונג".

מיט איין וואָרט, דער אַמעריקאַנער פינאַנס־קאַפּיטאַל, וואָס פאַרשקלאַפט די מעקסיקאַנער באַפעלקערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, צווינגט זי אויך צו געבן וואָס מער האַרמאַטן־פלייש פאַר זיינע בלוטיקע אַוואַנטורעס. דורך וועלכע ער שטרעבט צו פאַרשקלאַפן אַנדערע פעלקער.

אין אלגעמיין ליידן די מעקסיקאנער ארבעטנדיקע פון די זעלבע דיסקרימינאציעס, וואָס די אמעריקאנער נעגער. אין די פאבריקן פון די דרום־מערבדיקע פראָווינצן געפינען זיך באַזונדערע איינגענג און אוביקאציעס פאַר ווייסע ארבעטער און באַזונדערע פאַר מעקסיקאנער און נעגער. אין די שטעט מוזן מעקסיקאנער וווינען אין ספּעציעלע געסן און מען באַדינט זיי בשום אופן נישט אין די קראָמען, רעסטאָראַציעס, פריזיר־אנשטאלטן און קינאָס פון אנדערע קווארטאלן. אין דער 3 מיליאָניקער שטאָט לאָס אנדזשעלעס, ווו עס זענען אין 2 ספּעציעלע געסן, די אָרעמסטע און אממערסטן פארנאכלעסיקטע קווארטאלן פון דער שטאָט, צונויפגעקוועטשט 250 טויזנט מעקסיקאנער און 135 טויזנט נעגער, נעמט אָן די דיסקרימינאציע אן עטוואָס פארשלייערטע פאָרם. אין די געשעפטן און רעסטאָראַציעס אין די „ווייסע" קווארטאלן פון אָט דער שטאָט הענגט אויף אן אָנזעעוודיקן פּלאַץ אן אויפשריפט: „מיר רעזערווירן זיך דאָס רעכט אָפּצוזאָגן זיך צו באַדינען וועמען עס זאָל נישט זיין". אָבער אַפילו קליינע קינדער אין לאָס אנדזשעלעס ווייסן, אז די דאָזיקע באגרענעצונג ווערט אָנגעוואָנדן אויסשליסלעך לגבי מעקסיקאנער און נעגער.

ווו א מעקסיקאנער זאָל זיך נישט אוועקלאָזן אין לאנד פון דאָלאַר, וועלן אים אומעטום באַגלייטן דיסקרימינאציעס. אין ניו־יאָרק, ווו די צאָל מעקסיקאנער איז א פארהעלטנישמעסיק קליינע, קאָנען זיי אויך זיך אויפהאלטן נאָר אין אייניקע ערטער, ווו גאנצע בלאָקן פון האלב־איינגעפאלענע אלטע חורבות דינען זיי אלס מקום־מקלט. דאָ וווינען געווייינלעך די מעקסיקאנער זייט־ביי־זייט מיט אָפּשטאמענדיקע פון דער אמעריקאנער קאָלאָניע פּאָרטאָ־ריקאָ, וואָס ליידן פון אן ענלעכן גורל.

אויף א קאָנפערענץ קעגן דיסקרימינאציעס אין דער וווינונגס־פראגע, וואָס פּראָגרעסיווע אָרגאניזאציעס האָבן דעם 11־טן פעברואר 1953 אָפּגעהאלטן אין אַלבאַני, דער הויפּטשטאָט פון שטאַט ניו־יאָרק, האָט מען איבערגעגעבן שוידערלעכע פאקטן וועגן די וווינונגס־באַדינגונגען פון מעקסיקאנער און פּאָרטאָריקאנער. מען האָט דאָרט צווישן אנדערן דערציילט וועגן אן אלט הויז אין ברוקלין, וואָס איז דורך א שטאָטישער קאָמיסיע אָנערקענט געוואָרן אלס אומבאוווינבאר און פון וועלכן די אַלטע לאָקאַטאָרן האָבן דעריבער זיך אַרויסגעצויגן. אָנשטאָט צו צענעמען אָט די געביידע, האָט דער ווירט אָבער פאַרדונגען אלע דירות צו מעקסיקאנער און פּאָרטאָריקאנער, וואָס האָבן אין ערגעץ נישט געקאָנט געפינען קיין וווינונגען. דערביי האָט דער ווירט אָבער יעדע דירה פון 3 צימערן מיט אַ קיך, פאַר וועלכע ער פלעגט פריער קריגן 40 דאָלאַר אַ חודש, פארוואַנדלט אין 4 באַזונדערע וווינונגען, פאר וועלכע די נייע לאָקאטאָרן האָבן אים געמוזט באַצאָלן צו 80 דאָלאַר א חודש. אָנשטאָט 40 דאָלאַר האָט ער, אלזאָ, ארויסגעפּרעסט פון די מעקסיקאנער 320 דאָלאַר א חודש פאר יעדער דירה.

אַך און ווי איז דעם מעקסיקאַנער, אָדער פּאָרטאָריקאַנער, וועמענס אַר=
בעטסלאָזיקייט, אָדער א קראַנקהייט דערלויבט נישט צו באַצאָלן אין דער צייט
דאָס שטאַרק=אויפגעשרויפטע דירה=געלט. די ניו=יאָרקער צייטונג „דיילי וואָר=
קער“ האָט דעם 28=טן אָקטאָבער 1952 איבערגעגעבן דעם פאַל פון דער פּאָר=
טאָריקאַנער 50=יאָריקער אַלמנה ראָסא וויניעט, א מוטער פון 8 קינדער, וואָס
איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון איר איינציק צימער. 19 פּאָליציאַנטן זענען געקו=
מען צוזאַמען מיטן הויזווירט און דעם קאָמאָרניק דורכצופירן די עקסמיסיע. די
פּאָליציאַנטן האָבן געשלאָגן די מוטער און אירע קינדער און זיי האָבן זי צום
סוף אוועקגעפירט אין תפיסה מיט קייטן אויף די הענט, פונקט ווי עפּעס א גע=
פערלעכע פאַרברעכערין. דאָס מעבל און בעטגעוואַנט איז דעם זעלבן טאָג פאַר=
קויפט געוואָרן א הענדלער און דער הויזווירט האָט צוגענומען דאָס געלט. פאַר=
בלייבנדיק אָן אויפזיכט, האָבן אייניקע קליינע קינדער זיך פאַרלוירן און בלויז
א דאַנק דער הילף פון אָרטיקע ארבעטער=אָרגאַניזאַציעס האָט מען זיי שפּעטער
צייטווייליק איינגעאָרדנט אין שטאָטישן אַזיל.

די מעקסיקאַנער און פּאָרטאָריקאַנער אונטערשיידן זיך פון אַנדערע אמע=
ריקאַנער דער עיקר דערמיט, וואָס זייער אומגאַנגס=שפּראַך איז שפּאַניש. די
הערשנדיקע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן באַמיען זיך צו „אמעריקאַני=
זירן“ די דאָזיקע שיכטן, אָבער אָן דערפאָלג.

אַרטור ד. קאַהן דערציילט אין זיין בוך, וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט,
אז „מעקסיקאַנישע קינדער, וואָס קענען כמעט נישט קיין ענגליש, ווען זיי הייבן
אָן צו גיין אין שול אריין, קריגן פּעטש דערפאַר, וואָס זיי רעדן זייער מוטער=
שפּראַך“. דאָס העלפט אָבער נישט און אין די פויזעס צווישן לעקציעס פאַר=
שטענדיקן זיך די קינדער ווידעראַמאָל אין שפּאַניש.

נישט געקוקט אויף די רדיפות, האַלט אויף די מעקסיקאַנישע באַפעלקערונג
איר מוטער=שפּראַך, איר אייגענע קולטור און א ספּעציפישן פאָלקלאָר, וועלכן
זי האָט אַנטוויקלט. אין אירע געטאָס רעדט מען לויטער שפּאַניש. פון די אָפענע
פענצטער פון די וווינונגען און קאַפע=הייזער הילכט דאָ ארויס אין גאַס אריין
דרום=אמעריקאַנישע מוזיק. אויף שמחות און פאַרשידענע פייערונגען זינגט מען
דאָ געשמאַק פריילעכע שפּאַנישע לידער און מען טאַנצט קאַסטיליאַנישע טענץ.
די לאַטיין=אמעריקאַנישע ליטעראַטור און קונסט איז דאָ זייער פּאָפּולער.

אויף דער קולטור=טעטיקייט און דעם לעבנס=שטייגער פון די מעקסיקאַנער
דריקט אָבער אָן אויפהער די שווערע האַנט פון אמעריקאַנער אָקופּאַנט, וואָס
גיט זיי כסדר אָנצוהערן, אז זיי זענען בירגער פון „נידעריקערן סאָרט“. דאָס
קומט באַזונדערס בולט צום אויסדרוק אין די אמעריקאַנער שטעט און שטעט=
לעך לענגאויס דער גרענעץ מיט מעקסיקע, אין וועלכער די אַטמאָספער איז א
שווערע און איז אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דער אַטמאָספער אין די שכנותדיקע
שטעט פון יענער זייט גרענעץ. אַרטור ד. קאַהן אילוסטרירט דעם דאָזיקן פאַקט

אויפן בײשפּיל פֿון דער מעקסיקאַנישער שטאָט כּואַרעז, װאָס איז אָפּגעטײלט דורך אַ שמאָלן טײַך פֿון דער אַמעריקאַנער שטאָט על־פּאַסאָ, װוּ די מערהײט פֿון דער באַפֿעלקערונג איז אױך אַ מעקסיקאַנישע.

„אין אָװנט — שרײַבט קאַהן — זענען די גאַסן אין כּואַרעז פֿול מיט מענטשן, װאָס שפּאַצירן, שמועסן, לאַכן און זינגען. אין שכנותדיקן על־פּאַסאָ זענען אָבער די גאַסן כּמעט װי ליידיק. על־פּאַסאָ איז אַ דערװאַקסענע און אָקו־פּירטע שטאָט“.

דער שמוגל פון קנעכט

אויסער דער באַזעסענער מעקסיקאַנישער באַפעלקערונג געפינט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן יעדעס יאָר במשך פון עטלעכע חדשים העכער א מיליאָן לאַנד־אַרבעטער, וואָס קומען אהער פון מעקסיקע צום סעזאָן פון שניט. די באַהאַנדלונג פון אָט די לאַנד־אַרבעטער שטעלט מיט זיך פאָר א באַזונדער קאַפּיטל, אויף וועלכן עס איז כדאי זיך קורץ אָפּצושטעלן.

די מעקסיקאַנישע סעזאָן־אַרבעטער אַרבעטן הויפּטזעכלעך ביים אַראָפּנעמען ביינוול, גרינוואַרג און פרוכטן פון די פעלדער און סעדער פון גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פאַלוואַרקן. בעת די איינגעזעסענע מעקסיקאַנישע לאַנד־אַרבעטער קריגן 75 סענט א שעה, באַקומען די מעקסיקאַנישע אַרבעטער, אויפן סמך פון א ספּעציעלן אָפּמאַך צווישן מעקסיקע און די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר דער זעלבער אַרבעט בלויז 50 סענט א שעה. אויך די אַנדערע אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אימפּאָרטירטע לאַנד־אַרבעטער זענען פיל ערגערע.

אין געיעג נאָך מאַקסימאַלע פּראָפיטן, שטרעבן די אַמעריקאַנער גוטבאַזיצער צו דינגען אַרבעטער פאַר נאָך נידעריקערע לוינען. צו דעם צוועק שיקן זיי ספּעציעלע אַגענטן אין די אָרעמסטע דערפער פון מעקסיקע. די אַגענטן זאָגן צו די האָרטיקע אויסגעהונגערטע, ערדלאָזע פּויערים „גאָלדענע גליקן" אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וווהין זיי ראַטן זיי צו פאָרן אַרבעטן אפילו אָן קאָנטראַקטן.

נישט האָבנדיק קיין וויזעס אַריינצופאָרן לעגאַל אין לאַנד פון דאָלאַר, שמוגלען זיך דאָרט אַריבער יעדעס יאָר כמעט א מיליאָן מעקסיקאַנער. זיי שווימען מערסטנס אַריבער ביינאַכט דעם שמאָלן טייך ריאָ גראַנדע, וואָס געפינט זיך אויף דער גרענעץ. אויף דער צפונדיקער זייט פון טייך וואַרטן אויף זיי די אַגענטן, וואָס טראַנספּאָרטירן זיי צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

אָנקומענדיק אין די פאַראייניקטע שטאַטן אָן א גראָשן ביי דער נשמה און זייענדיק אין האָזיקן לאַנד אומלעגאַל, ד. ה. אונטער דער כסדרדיקער גע־

פאַר אַרעסטירט און דעפּאָרטירט צו ווערן, איז דער אָרעמער און הילפלאָזער מעקסיקאַנער געצוווּנגען אָנצונעמען אפילו דעם נידעריקסטן לוין און די ערגסטע אַרבעטס־באַדינגונגען. דעם דאָזיקן אומשטאַנד נוצן אויס די באַזיצער פון די גרויסע גיטער, וואָס פאַרוואַנדלען די מעקסיקאַנער סעזאָן־אַרבעטער אין אמתדיקע שקלאַפן.

די סעזאָן־אַרבעטער האַרעווען ביז 12 שעה א טאָג. אַ רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק באַטראַכט די לעבנס־באַדינגונגען פון די מעקסיקאַנישע סעזאָן־אַרבעטער אויף פּלאַנטאַציעס פון בוראַקעס אין די שטאַטן קאָלאָראַדאָ, מאָנטאַנאַ און וואַיאָמינג, האָט געמוזט מודה זיין, אַז העכער 60 פּראָצענט אַרבעטער ווינען דאָרט אין נאָרעס, וועלכע האָבן נישט די מינדסטע סאַניטאַרע איינריכטונגען. פיל נעכטיקן אין שטאַלן און אויפן פרייען באָדן אין געצעלטן. העכער 10 פּראָצענט מעקסיקאַנער אַרבעטער מוזן באַנוצן צום טרינקען און קאָכן דאָס פאַרשמוציקטע וואַסער, וואָס פליסט לענגאויס די שאָסייען.

די פירנדיקע צייטונג פון דער אַמעריקאַנער רעאַקציע „ניו־יאָרק טיימס“ האָט אין מערץ 1951 פאַרעפנטלעכט א סעריע אַרטיקלען פון איר מיטאַרבעטער גלעדווין היל וועגן לעבן פון די אומלעגאַלע מעקסיקאַנישע אייגוואַנדערער. דער רעאַקציאָנערער זשורנאַליסט האָט אָנערקענט, אַז אין פיל געגנטן האָט מען די מעקסיקאַנער געצאָלט בלויז 15 סענט א שעה, ד. ה. 5 מאָל ווייניקער, ווי עס קריגן אַמעריקאַנער סעזאָנאָווע לאַנד־אַרבעטער. היל האָט אויך פעסטגעשטעלט, אַז אין מערסטנס פאַלן רעכנט מען אַראָפּ די מעקסיקאַנער זייער גאַנצן פאַרדינסט אַלס אָפּצאָל פאַרן נעבעדיקן עסן, וואָס זיי קריגן. נאָכן אָפּאַרבעטן דעם גאַנצן סעזאָן בלייבט דער מעקסיקאַנער אַלזאָ אָן א גראָשן.

פיל גרויסע אויסנוצער דערלאַנגען דעם סעזאָן־אַרבעטער א שווינדלערישן חשבון, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז ער איז זיי שולדיק פאַר עסן, דירה־געלט און פאַרשידענע באַשטייערונגען מער, ווי ער האָט פאַרדינט. דער מעקסיקאַנער מוז אַלזאָ ווייטער האַרעווען, כדי „אויסצוצאָלן זיינע חובות“, וועלכע שטייגן אָן אויפהער. אונטערן אויסרייד, אַז ער האָט מורא, אַז די מעקסיקאַנער זאָלן אַנטלויפן „נישט דעקנדיק זייערע חובות“, שטעלט אַזא פאַרמער איבער זיי באַוואָפנטע וועכטער, וואָס היטן זיי אויף יעדן שריט פּונקט ווי אַרעסטאַנטן.

די מעקסיקאַנער סעזאָן־אַרבעטער וואָס האָבן זיך געלאָזט אַנרעדן און זענען אַריין אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויף א נישט־געזעצלעכן אופן, ווערן אַלזאָ פאַרוואַנדלט אין קנעכט, וואָס האָבן נישט קיין שום רעכט און מוזן האָרעווען אָן שום באַלוינונג, כדי צו פאַרזיכערן פאַנטאַסטישע פּראָפיטן די גרויסע „אָרפּישע קאַפּיטאַליסטן.

די אַמעריקאַנער גרענעץ־וואַך שטערט בכיוון נישט דאָס אַריינשמוגלען זיך פון הונדערטער טויזנטער מעקסיקאַנער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די

אָרטיקע מאכט־אָרגאַנען אין די געגנטן, ווו די מעקסיקאַנער שקלאַפן אַרבעטן, ווייסן אויך אויסגעצייכנט, אַז די מעקסיקאַנער געפינען זיך דאָ אומלעגאַל. זיי אינטערווענירן אָבער ניט, כּל זמן די קאַפּיטאַליסטן קאָנען אויסנוצן זייערע שקלאַפן. ערשט ווען עס ענדיקט זיך דער סעזאָן און די אַרבעטגעבער נויטיקן זיך שוין מער נישט אין די שקלאַפן, דערשיינט די פּאָליציי, וואָס אַרעסטירט די מעקסיקאַנער, און שיקט זיי אונטער אַ שטאַרקער וואַך צו דער מעקסיקאַנער גרענעץ.

די צייטונג „לאַ וואָז דע מעקסיקאָ“, וואָס דערשיינט אין דער מעק־סיקאַנער הויפּטשטאָט, האָט דעם ערשטן אויגוסט 1952 געשריבן:

„42 טויזנט מעקסיקאַנישע לאַנד־אַרבעטער זענען אין די לעצטע טעג דעפּאָרטירט געוואָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין אויסערגעוויינלעך סקאַנ־דאַליעזע באַדינגונגען. די מעקסיקאַנער האָבן אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן סעזאָן ביי אַמעריקאַנער אונטערנעמער, וועלכע האָבן זיי פריער געהאַט צוגעזאָגט הויכע לוינען. צום סוף האָבן אָבער די אַרבעטסגעבער זיי פאַרמסרט צום אימיגראַ־ציע־אַמט אַלס אומלעגאַלע איינוואַנדערער און זיי געלאָזט אַרויסשיקן פון לאַנד, נישט באַצאָלנדיק זיי זייער לוין“.

מיט איין וואָרט, אין דעם קעניגרייך פון דאָלאַר, וואָס שטאָלצירט מיט זיין „דעמאָקראַטיע“ און „גלייכבאַרעכטיקונג“, ליידן די מעקסיקאַנישע אַרבעטנדיקע צוגלייך מיט די נעגער פון דיסקרימינאַציעס, נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און שקלאַפעריי.

די פּאָליטיק פון אויסראָטן אַ פאָלק

אין זומער פון יאָר 1943 איז מיר אויסגעקומען אויפן וועג קיין קאַלי־פאָרניע זיך אָפּצושטעלן אין אַלבוקערקע, וואָס געפינט זיך אין שטאַט פון ניי־מעקסיקע.

צו יענער צייט, ווען די פעלקער פון אייראָפּע און אזיע האָבן געבלוטיקט אין קאַמף מיטן פאַשיזם, האָט די אַמעריקאַנער אינדוסטריע, אויסנוצנדיק די גינסטיקע מלחמה־קאָניונקטור, געאַרבעט אויף אַלע כלים, און די מאָנאָפּאָליסטן האָבן ממש געשאַרט געלט. אין אַלע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט מען דאַן געזוכט אַרבעטער מיט ליכט. אַפילו עלטערע לייט און אינוואַלידן, וואָס קאָנען ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען קיינמאָל נישט געפינען קיין אַרבעט אין אַמעריקע, זענען דעמאָלט באַשעפטיקט געוואָרן אין קריגס־פאַבריקן.

אין אָט די באַדינגונגען האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט צו זען פאַרן וואָקזאַל און אויף די שטאָטישע פּלעצער פון אַלבוקערקע זייער פיל שרעקלעך אָרעם געקליידעטע אַרבעטלאָזע, וואָס זענען באַוועגונגסלאָז געלעגן אין שאָטן פון ביימער. די אויסגעדאַרטע און ברוינע פּנימער פון די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ קרענקלעכן אויסזען, און פון זייערע טרויעריקע אויגן האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט אַ נידערגעשלאָגנקייט און אַ טיפע פאַרביטערונג.

ווען איך האָב געפרעגט אַן עלעגאַנט־געקליידעטן דורכגייער, מיט וואָס עס דערקלערט זיך, וואָס אָט די לייט קאָנען נישט געפינען עפּעס אַ באַשעפטי־קונג, האָט ער מיך אָנגעמאָסטן מיט אַ שטוינענדיקן בליק:

— וואָס הייסט? דאָס זענען דאָך אינדיאַנער...

לויט דער מיינונג פון אָט דעם „הונדערט־פּראָצענטיקן" אַמעריקאַנער איז דורכויס נאַטירלעך, אַז מען זאָל ביי אַ מענטש צונעמען דאָס ווייכטיקסטע פון אַלע רעכט, דאָס רעכט צו לעבן פון זיין אַרבעט און צו עסן צו דער זעט, דערפאַר בלויז, וואָס ער האָט אַ רויטלעכע הויט.

במשך פון אייניקע הונדערט יאָר האָבן די ווייסע דעראָבערער פון צפון־אמעריקאנישן קאָנטינענט געפירט מערדערלעכע מלחמות קעגן די איינגעזעסענע אינדיאנישע שבטים. די אוראַלטע תושבים פון לאַנד זענען ביסלעכווייז אָפּגעשטופּט געוואָרן אַלץ ווייטער אויף מערב, און זייער ערד האָבן אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן צוגערויבט און קאָלאָניזירט. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, ווען די רעשטלעך פון די אינדיאַנישע שבטים האָבן באַזיגטע זיך אונטערגעגעבן, האָט די וואַשינגטאָנער רעגירונג געשלאָסן מיט זיי אַ ריי אָפּמאַכן, די אָפּמאַכן האָבן צוגעזאָגט די אינדיאַנער „אויף אייביק“ באַדייטנדיקע טעריטאָריעס אין פיל שטאַטן, וווּ זיי זאָלן קאָנען ווייטער פירן זייער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָבער שפּעטער געבראָכן אירע צוזאָגן. זי באַרויבט די אינדיאַנער פון די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. די סיסטעמאַטישע אויסראָטונג פון די אינדיאַנער, וואָס איז פריער דורכגעפירט געוואָרן דורך מלחמות און שטראָף־עקספּעדיציעס, ווערט איצט פּראַקטיצירט מיט דער הילף פון אַנדערע מעטאָדן. פון די אַמאָליקע פיל מיליאָנען אינדיאַנער זענען איצט פאַרבליבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן בלויז 366 טויזנט נפשות. לגבי אָט די רעשטלעך ווענדעט אָן דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אַ קאָנסעקווענטע פּאָליטיק פון פאַרניכטונג דורך הונגער און קראַנקהייטן.

די אַזוי גערופענע רעזערוואַטן, וווּ מערסטנס אינדיאַנער מוזן וווינען, געפינען זיך, געוויינלעך, אין מדבריות אָדער אין פעלזיקע בערג, וווּ די ערד טויג נישט פאַר אַגריקולטור. ווען אויף דער טעריטאָריע פון אינדישן רעזערוואַט אין שטאַט אָרעגאָן איז געהאַט געפונען געוואָרן גאָלד, זענען די אינדיאַנער מיט געוואַלד אַוועקגעפירט געוואָרן פון דאָרט אין באַוואַכטע צוגן צו אַן אַנדער פאַרוואָרלאָזטער געגנט. די אַמעריקאַנער רעגירונג און גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען האָבן ביסלעכווייז „אָפּגעקויפט“ פון די אינדיאַנער דעם גרעסטן טייל פון דער ערד, וועלכע איז זיי צוגעטיילט געוואָרן אין פאָריקן יאָרהונדערט. אַלס רעזולטאַט פון אָט אַזעלכע טראַנזאַקציעס באַטרעפט צום ביישפּיל דער אינדיאַנישער באַזיץ ביים טייך סילעץ, אין שטאַט אָרעגאָן, וואָס האָט פריער אַרומגענומען 550 טויזנט העקטאַר, היינט שוין בלויז 1200 העקטאַר פון זאַמד־וויסטעס. ענלעך איז די לאַגע אין אַלע אינדיאַנישע רעזערוואַטן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס די אינדיאַנער האָבן קיינמאָל נישט באַקומען קיין געלט פאַר דער ערד, וואָס מען האָט ביי זיי „געקויפט“. פאַרוואָס? הערפאַר וואָס לגבי אינדיאַנער גילטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן 800 ספּעציעלע געזעצן און 2200 פאַרשידנאַרטיקע באַגרענעצונגען, וואָס צילן אויסצוהונגערן זיי און צו דערפירן צו זייער סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג.

אין הסכם מיט אַט די געזעצן טאָר קיין אינדיאַנער נישט פאַרקויפן קיין ערד, אָדער אפילו די פּראָדוקטן, וואָס וואַקסן אויף זיין ערד, אָן א ספּעציעלער דערלויבעניש פון מלוכהשן אמט פאַר אינדיאַנישע ענינים. און אפילו ווען אַן אינדיאַנער קריגט אַזאַ דערלויבעניש און פאַרקויפט אַ טייל פון זיין האָב און גוטס, נעמט דער מלוכהשער אמט דאָס געלט. דער אינדיאַנער קאָן דאַן זיך ווענדן מיט א ביטע צום אמט, מען זאָל אים אויסצאָלן א טייל פון געלט, וואָס איז פאַרשריבן אויף זיין נאָמען. ער מוז אָבער צושטעלן גענויע רעכענונגען, אויף וואָס ער האָט אויסגעגעבן יעדן גראָשן. דער מלוכה־אַמט צאָלט אויס די אינדיאַנער נישטיקע סומעס און דאָס אויך זייער זעלטן, אַזוי אַז פיל פון זיי הונגערן כסדר צוזאַמען מיט זייערע משפּחות, והגם די רעגירונג און פּריוואַטע אונטערנעמער זענען זיי שולדיק טויזנטער דאָלאַרן.

אינדיאַנער קאָנען נישט מאָנען געריכטלעך דאָס געלט, וואָס מען איז זיי שולדיק, ווייל ספּעציעלע געזעצן באַשטימען, אַז אַן אינדיאַנער טאָר זיך נישט פּראָצעסירן אָן א דערלויבעניש פון דערמאָנטן מלוכה־אמט. און אפילו ווען ער זאָל קריגן אַזאַ דערלויבעניש, האָט ער נישט קיין רעכט, אַלס אינדיאַנער, אויסצוויילן זיך אַן אַדוואָקאַט.

פּרווונדיק זיך ראַטעווען פון הונגער־טויט, פאַרלאָזן א סך אינדיאַנער די רעזערוואַטן. ווייט קאָנען זיי נישט אַוועקגיין, ווייל ספּעציעלע פאַרשריפטן באַגרענעצן זייער רעכט פריי צו באַוועגן זיך אין לאַנד, וווּ זייערע אבות האָבן געוווינט זינט טויזנטער יאָרן. און אין די שטעט, וואָס ליגן בשכנות פון די רעזערוואַטן, איז אינדיאַנער אויסערגעוויינלעך שווער צו געפינען אַרבעט. מוטשען זיי זיך און וואַרטן אומגעדולדיק אויף עפּעס א געלעגנהייט, ווען זיי וועלן קאָנען פאַרדינען אַ פּאָר סענט אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט דורך עפּעס אַ צופעליקער אַרבעט כאָטש אויף עטלעכע שעה.

דער פּאָרגעשריטענער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג הערבערט אַפּטעקער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דורכשניטלעכע איינקונפט פון אן אינדיאַנער איז 7 מאָל קלענער ווי די הכנסה פון דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער. די דאָזיקע נויט ווירקט זיך נאַטירלעך אויס אויפן געזונט־צושטאַנד פון דער אינדיאַנישער באַפעלקערונג. אַן אָפיציעלע אונטערזוכונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1950, האָט פעסטגעשטעלט, אַז 48 פּראָצענט פון די קינדער אין אינדיאַנישן שבט האָפּי ליידן פון נישט גענוגנדיקער דערנערונג. אין שטאַט אָרעגאָן איז די צאָל טויט־פאַלן פון טובערקולאָז 8 מאָל גרעסער צווישן אינדיאַנער, ווי צווישן ווייסע איינוווינער.

פאַר די אינדיאַנער באַדייט די אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע“ נישט בלויז נויט, הונגער און קראַנקהייטן, נאָר אויך אומוויסנהייט. פון צווישן די מענער פון שבט נאַוואַכאָ, וואָס זענען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה גערופן געוואָרן צו מיליטער־דינסט, האָבן 88 פּראָצענט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַנאַלפאַבעטן.

די אינדיאַנישע שבטים האָבן אין זייער צייט פיל בייגעטראָגן צום פאָרשריט פון דער ציוויליזאַציע. זיי האָבן געגעבן דער וועלט קאַרטאָפל, קוקורוזע, טאַבאַק און אַנדערע פלאַנצן. ביי זיי האָבן די פעלקער זיך אויסגעלערנט אויסצואַרבעטן שנעל־שווימענדיקע שיפלעך, פּראַקטישע געצעלטן און פאַרשידענע סאָרטן באַקוועמע מלבושים. אין מעקסיקע און פּערו האָט די אינדיאַנישע אַרכיטעקטור און קונסט שוין מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק דערגרייכט אַ הויכע שטופע פון אַנטוויקלונג. די אינדיאַנער פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַ רייכן פאָלקלאָר. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט אָבער פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג דאָס אינדיאַנישע פאָלק און זיין קולטור.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן עקזיסטירט גלייכבאַרעכטיקונג פון פעלקער בלויז אין טעקסט פון דער קאָנסטיטוציע. אין דער ווירקלעכקייט פירט אָבער די נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק פון די הערשנדיקע מאָנאָפּאָליסטן צו דעם אויסשטאַרבן פון די אינדיאַנער, די עלטסטע תושבים פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

„צווייט־ראַנגיקע“ בירגער

אין אַלע אַמעריקאַנער גרויסע שטעט און אינדוסטריעלע צענטערן בילדן אייַנוואַנדערער אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג.

שטרעבנדיק צו איזאָלירן יעדע פון די נאַציאָנאַלע גרופּן צווישן די אימיגראַנטן, כּדי צו באַשווערן די פאָרמירונג פון אַ פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע אַרבעטער, פירט די אַמעריקאַנער בורזשואַזיע אַ פּאָליטיק פון רעגולירן די באַשעפטיקונגס־מעגלעכקייט פון באַזונדערע נאַציאָנאַליטעטן לויט איר אייגענע אינטערעסן. אַזוי, למשל, זענען מערסטנס איטאַליענער אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַשעפטיקט ביים בוי פון הייזער, שיפן און שאָסייען. די פּאָליאַקן, טשעכן און אונגאַרן אַרבעטן הויפּטזעכלעך אין קוילן־גרובנס, הוטעס און אַנדערע אונטערנעמונגען פון דער שווער־אינדוסטריע. ייִדן זענען קאָנצענטרירט אין דער באַקלייד־אינדוסטריע און אין האַנדל. כינעזער געפינט איר אין קליינע וועשערייען, פּאָרטוגעזער — אין פישפאַנג און אין קאָנסערוון־פאַבריקן, שפּאַניער — אין רעסטאָראַנען.

יעדער פּרוּוו פון אַן אייַנוואַנדערער זיך צוצוקריגן צו אַ לייכטערער, מער קוואַליפיצירטער און בעסערער באַלוינטער אַרבעט איז פאַרבונדן מיט ריזיקע שוועריקייטן. פאַר כינעזער זענען די טירן פון אַלע פאַבריקן געשלאָסן. קיין ייִדן אַנגאַזשירט מען נישט אין די אונטערנעמונגען פון די גרויסע טרוסטן. פאַר אַ פּאָליאַק, אָדער אוקראַינער איז אויסערגעוויינלעך שווער צו געפינען אַרבעט אַלס אַן אינזשעניער, עלעקטראָמאָנטער, צי אפילו אַלס דרוקער, אָדער טאַפּיצירער. קיין שום קאַטעגאָריע אייַנוואַנדערער ווערט נישט צוגעלאָזט צו קיין ביוראָ־אַרבעט אין די באַנקן, פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן און אַנדערע מאָנאָפּאָליסטישע אונטערנעמונגען.

אימיגראַנטן, וואָס שטאַמען פון מערסטנס אַזיאַטישע לענדער און קאָנקרעט פון כינע, יאַפּאַן, קאָרעע, בורמע, אינדאָנעזיע, מאַלאַייען און פון די אַראַבישע מדינות, קאָנען אויפן סמך פון די אַמעריקאַנער געזעצן קיינמאָל נישט קריגן קיין פולע בירגער־רעכט. זיי ווערן ביזן טויט באַטראַכט אַלס „אויסלענדער“. וועגן די

ארבעטס־מעגלעכקייטן פאר אזעלכע אויסלענדער שרייבט דער אמעריקאנער בור־זשואזער סאָציאָלאָג מאַקס י. קאָהלער אין זיין בוך „אייגוואנדערונג און אויס־לענדער אין די פאראייניקטע שטאַטן" דאָס פאלגנדיקע:

„אין מערסטנס שטאַטן מוזן אדוואָקאַטן, דאָקטוירים, ארכיטעקטן, אַפּטיי־קער, לערער און בוכהאלטערן זיין אמעריקאנער בירגער. דער דורכשניטלעכער אימיגראנט ווערט אויך נישט צוגעלאָזן צו פיל אנדערע באשעפטיקונגען, וועלכע מען מעג פראקטיצירן בלויז מיט א ספּעציעלער דערלויבעניש. דער שטאַט פון ניו־יאָרק, וואָס האָט אַ גרויסע באפעלקערונג פון אויסלענדער, לאָזט זיי נישט צו צו 32 פארשידענע פאכן און פראָפעסיעס".

אייגוואנדערער פון אייראָפּעישע לענדער קאָנען פארמעל, נאָך 5 יאָר אָפּזיין אין לאנד, זיך נאטוראליזירן און ווערן אמעריקאנער בירגער. פאקטיש פירן אָבער פארשידענע באגרענעצונגען דערצו, אז פיל אייראָפּעישע אימיגראנטן פארבלייבן אויף שטענדיק „אויסלענדער". אַפילו אויב אַן אייגוואַנדערער באַקומט בירגער־רעכט, ברענגט דאָס נישט מיט זיך קיין ערנסטע ענדערונגען אין זיין לאגע. רעדנדיק ענגליש מיט אַ פרעמדן אקצענט, פאראט ער אויף שריט און טריט תיכף זיין אויסלענדישע אָפּשטאַמונג און דאָס דינט אַלס גרונט פאַר כלערליי דיסקרי־מינאַציעס קעגן אים.

קינדער פון אייגוואנדערער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אויפן אמעריקאנער באָדן, זענען לויטן געזעץ אמעריקאַנער בירגער זינט זייער געבורט. אויך זיי גע־ניסן אָבער נישט אין דער ווירקלעכקייט פון קיין אמתדיקער און פולער גלייכ־בארעכטיקונג. מאנכע פון זיי אמעריקאניזירן ספּעציעל זייער צונאָמען, כדי צו פארווישן די שפורן פון זייער אָפּשטאַמונג. דאָס העלפט זיי אָבער נישט .

ווען זיי פרווון אָנקומען אויף א הויכשול אָדער זיך איינקריגן אין א ביוראָ פון א גרויסער אונטערנעמונג, צי גאָר ווערן מלוכה־באאמטע, גיט מען זיי אויס־צופילן ספּעציעלע פרעג־בויגנס. אויף אָט די פאָרמולאַרן פיגורירן אַזעלכע קלאָץ־קשיות, ווי דאָס געבורטס־אָרט פון אייערע עלטערן, זיידעס און באָבעס פון טאַטנס און מאמעס צד, זייער נאציאָנאליטעט, רעליגיע און מוטער־שפּראך. און יעדער פרעג־בויגן פון דעם מין אנטהאלט א באמערקונג, אז נישט־ריכטיקע אינפאָרמא־ציעס וועלן באַטראַכט ווערן אלס א פאלשע שבועה, פאַר וועלכער עס דראָט ביז 6 יאָר תפיסה.

אזוי ארום קריגן די ראסיסטישע מאכט־ארגאנען און די רעאקציאָנערע פאר־וואלטונגען פון פארשידענע אנשטאַלטן די נויטיקע אינפאָרמאציעס, וואָס דער־לויבן זיי אָנצווענדן דיסקרימינאציעס אויך לגבי געבוירענע אמעריקאנער, וואָס שטאַמען אָפּ פון אזעלכע פעלקער, וועלכע מען טראַקטירט אין אמעריקע אלס „מינדערווערטיקע". אזוי ארום צווינגט די הערשנדיקע רעאקציע נישט נאָר די אייגוואנדערער, נאָר אויך דעם רוב פון זייערע קינדער און אייניקלעך אויסצו־

פירן די שווערסטע און אמערגסטן באַלויגטע אַרבעטן, צו וווינען אין אָרעמע און שמוציקע קוואַרטאַלן און צו ליידן פון די אַלע באַגרענעצונגען, וואָס זענען חל לגבי „צוויטראַנגיקע בירגער“.

אין די אייראָפּעישע לענדער הערט מען אָפּט אַ מיינונג, אַז די פּאַראייניקטע שטאַטן זענען אַיין גרויסער „שמעלץ-טאָפּ“, וווּ מענטשן אָנגעקומענע פון אַלע עקן וועלט אַסימילירן זיך שנעל און ווערן אַזוי צו זאָגן פולקאָמע „אַמעריקאַנער“. וויפל אמת איז פאַראַן אין אָט דער מיינונג?

מיט צענדליק יאָרן צוריק, ווען אַמעריקע האָט געליטן פון אַ מאַנגל אין אַרבעטס-קראַפט, האָבן די דאָרטיקע הערשנדיקע קרייזן זיך באַמיט צוצובינדן דעם איינוואַנדערער צו זיין נייַ וווינונגס-אָרט, כדי אָפּצוהאַלטן אים פון צוריק צו פאָרן אין לאַנד פון זיין אָפּשטאַמונג. זיי האָבן גלייכצייטיק געשטרעבט צו צע-שטערן די גייסטיקע צוגעבונדנקייט פון אימיגראַנט צו די פּראָגרעסיווע שטרע-מונגען פון זיין היימלאַנד, כדי אים לייכטער אונטערצוּוואַרפן דער השפּעה פון דעאַקציאָנערן „אַמעריקאַנער לעבנס-שטייגער“.

צו דעם צוועק האָט די אָפיציעלע בורזשואַזע פּראָפּאַגאַנדע אָנגעהויבן באַ-שמוצן און מאַכן צו שפּאָט די קולטור און די טראַדיציעס פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. זי פלעגט האַקען שיטן לויב-געזאַנגען אויף אַלץ, וואָס איז אַמערי-קאַניש. אויף הונדערטער אופנים האָט מען גלייכצייטיק אויסגעווירקט אַ שטאַרקן דרוק אויף דעם אימיגראַנט, כדי אים צו צווינגען בלינד נאָכצופאָלגן דעם לעבנס-שטייגער, וואָס די אַנגלאָזאַקסישע הערשער פון לאַנד האָבן איינגעשטעלט. מען האָט אים דערביי געפרוווט איינרעדן, אַז וואָס שנעלער ער וועט זיך „אַסימילירן“, אַלץ לייכטער וועט איב כלומרש אָנקומען „זיך איינצואָרדענען“ אין לאַנד פון דאָ-לאַר.

אַרומרעדנדיק אָט די צוואַנגס-אַסימילאַציע, שרייבט דער בורזשואַזער אַמע-ריקאַנער פּראָפעסאָר וויליאַם קאַרלסאָן סמיט אין זיין בוך „ווי אַזוי מען מאַכט אַמעריקאַנער“, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1939 אין ניו-יאָרק:

„לויט אָט דער טעאָריע פון „אַמעריקאַניזאַציע“, האָבן אַלע איינוואַנדערער געדאַרפט זיך תיכף אָפּשאָקלען פון זייער גייסטיקער ירושה און צופּאַסן זייער לע-בן צום סטערעאָטיפּישן אַמעריקאַנער מוסטער“.

אינעם בוך „וועגן אַמעריקאַניזאַציע“, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן דער אַרמע-נישער אימיגראַנט באָגדיגיאַן, געפינען מיר אַ כאַראַקטעריסטישע באַשרייבונג, ווי אַזוי די צוואַנגס-אַסימילאַציע גייט צו אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

„ווען איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין דער עלעמענטאַרער שול — דערציילט באָגדיגיאַן — האָט די לערערין מיך געפרעגט: ווי הייסטו?... נאָכן באַקענען זיך מיט מיין צונאָמען, האָט זי דערקלערט: אָ, דאָס טויג נישט. רוף זיך בעסער סמיט, דזשאָנס, אָדער עפּעס אַן ענלעכן נאָמען און אַמעריקאַניזיר זיך. ווער פּטור פון

אַלץ, וואָס דו האָסט געבראַכט מיט זיך פון אַלטן לאַנד. דאָס איז סיי-ווי-סיי גאָרנישט ווערט“.

דער „שמעלץ-טאָפּ“ האָט אַלזאָ געצילט אַרויסצורייסן פון האַרץ פון אימיגראַנט די ליבע צו זיין אַלט היימלאַנד, די צוגעבונדנקייט צו דער קולטור פון זיין פאָלק און די סימפּאַטיעס צו פּראָגרעסיווע אידעען, וועלכע ער האָט געבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע. די צוואַנגס-אַסימילאַציע האָט צוגערויבט ביים אימיגראַנט זייער פיל. זי האָט אים אָבער גאָרנישט געגעבן. זי האָט אים נישט פאַרוואַנדלט אין קיין ווירקלעכן, פול-בערעכטיקטן בירגער אין נייעם לאַנד. אַפילו דעם „אַסימילירטן“ אימיגראַנט און זיינע קינדער באַהאַנדלט מען אַלץ אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע אַלס באַשעפענישן פון אַ „נידעריקן סאָרט“. מען לאָזט זיי נישט אַרבעטן אין פיל פאַכן, וואָס זענען באַשטימט פאַר די „הונדערט-פּראָצענטיקע“ אַמעריקאַנער. מען לאָזט זיי אויך נישט וווינען און פאַרקערן אין די פּלעצער, וואָס זענען רעזערווירט פאַר דעם אַנגלאָזאַקסישן „הערן-פאָלק“.

די צוואַנגס אַסימילאַציע פאַרשאַפט ביזן היינטיקן טאָג פיל ליידן און פּיין מיליאָנען איינוואַנדערער פון דרום און מזרח-אייראָפּע, ווי פון אַזיע און לאַטיין-אַמעריקע. אָט וואָס די ליבעראַלע אַמעריקאַנער שרייבערין רות ד. טאַק שרייבט וועגן דעם אין איר בוך „נישט מיט דער פויסט“, וואָס איז דערשינען אין ניו-יאָרק אין יאָר 1946:

„דאָס אויסוואָרצלען ביי אַ מענטש זיינע פריערדיקע געוווינהייטן און דאָס אָנוואַרפן אים אַ נייעם לעבנס-שטייגער געהערט צו די קריטישסטע דערפאַרונגען, וועלכע אַ מענטשלעך באַשעפעניש קאָן דורכמאַכן. די לעבנס-געשיכטע פון יעדן איינוואַנדערער שפּיגלט אָפּ די כסדרדיקע שפּאַנונג, די איינזאַמקייט און די שטימונגען פון נידערגעשלאָגנקייט, וועלכע האָבן אים כסדר באַגלייט“.

אויף שריט און טריט איז דער אימיגראַנט אויסגעשטעלט אויף חוזק און שפּאָט. די „הונדערט-פּראָצענטיקע“ אַמעריקאַנער באַציען זיך צו אים מיט ביטול און פאַראַכטונג. מען פאַרשפּרייט קעגן אים כסדר שנאה און האַס. אין אָט די באַדינגונגען ווינטשט זיך דער עלנדער אימיגראַנט, ער זאָל כאָטש ביי זיך אין שטוב, אין דער סביבה פון זיין אייגענער משפחה, געפינען אַביסל געמיטלעכע רו, ער זאָל כאָטש דאָרט זיך קאָנען פילן ווי אַ מענטש. אָבער אויך ביי זיך אין דער היים איז ער אַן „אומגעוווּנטשענער אויסלענדער“.

די אַמעריקאַנער שול דערציט די קינדער פון איינוואַנדערער אין אַן אַטמאָספער פון גרינגשעצונג צו זייערע עלטערן און פון פאַראַכטונג צו זייער קולטור און צום פאָלק, פון וועלכן זיי שטאַמען. פיל פון די דאָזיקע קינדער, וואָס זענען אַליין קרבנות פון דיסקרימינאַציעס, שעמען זיך מיט זייערע עלטערן און קוקן אויף זיי

פון אויבן אַראָפּ. זיי צווינגען זייערע עלטערן צו רעדן ענגליש, לאַכן אויס זייער אויסלענדישן אַקצענט און זידלען זיי ביי יעדער געלעגנהייט.

צו די אַלע צרות, וועלכע דער אימיגראַנט מוז אויסשטיין אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קומען נאָך צו ספּעציעלע פאַרפאָלגונגען, אויב ער דערלויבט זיך צו קריטיקירן די פּאָליטיק פון די רעאַקציאָנערע אַמעריקאַנער רעגירונגען אָדער אַרויסצוווייזן סימפּאַטיעס צו די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. לגבי אַזעלכע אימיגראַנטן צעוויכשעט די רעאַקציע אַ באַזונדערס גרויזאַמען טעראָר.

שוין מיט העכער 30 יאָר צוריק, דעם 2-טן יאַנואַר 1920, האָט די אַמעריקאַנער פּאָליציי אין איין אָוונט דורכגעפירט מאַסן-אַבלאַוועס צווישן די פּראָגרעסיוו-געשטימטע אימיגראַנטן אין צוועלף אוּן זיבעציק שטעט. העכער 10 טויזנט פּערזאָן זענען אַרעסטירט געוואָרן. פיל זענען מערדערליך צעשלאָגן געוואָרן אין די פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטן. אין באָסטאָן זענען 400 פון די אַרעסטירטע אימיגראַנטן אַרומגעפירט געוואָרן אַ גאַנצן טאָג איבער די גאַסן פון דער שטאָט, מיט קייטן אויף זייערע הענט, פונקט ווי געפערלעכע פאַרברעכער. אין דעטראָיט זענען 800 מענטשן געהאַלטן געוואָרן 6 טעג צייט אין אַ ענגן און שטיקנדיקן קאָרידאָר, אָן עסן, אָן טרינקען און אָן שום איינריכטונגען, וווּ מ'וואָלט געקאָנט זיך זעצן אָדער זיך לייגן. פיל פון די אַרעסטירטע זענען דערנאָך דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אייראָפּע.

אין יאָר 1940 האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָנגענומען דאָס סמיט-געזעץ, וואָס הייסט אָפיציעל „דאָס געזעץ וועגן דער רעגיסטראַציע פון אויסלענדער". דאָס געזעץ האָט אונטערגעוואָרפן אַ שטרענגער פּאָליציי-קאָנטראָל אַלע איינגעוואַנדערטע, וועלכע האָבן נישט באַקומען קיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט. דאָס סמיט-געזעץ פאַרבאָט אויסער דעם די אויסלענדער (און אויך אַמעריקאַנער בירגער) צו געהערן צו אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרשפרייטן פּראָגרעסיווע אידעען און קעמפן פאַר שלום און פאַר פריינדשאַפט צווישן פעלקער.

אויפן סמך פון סמיט-געזעץ זענען אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעשיקט געוואָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן הונדערטער אימיגראַנטער. מערסטנס פון די דעפּאָרטירטע האָבן אָפּגעלעבט אין אַמעריקע צענדליקער יאָרן. פיל פון זיי זענען עלטערן פון געבוירענע אין אַמעריקע קינדער, וואָס האָבן אין דער צווייטער וועלט-מלחמה באַקומען אויסצייכענונגען פאַר זייער העלדישקייט אויפן פראָנט.

די אימיגראַנטן זענען — צוגלייך מיט די נעגער און אַלע אַמעריקאַנער קעמפער פאַר שלום — די ערשטע קרבנות פון דער שנעלער פאַשיזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דעצעמבער 1952 איז אַריין אין קראַפט דאָס פאַשיסטישע מעק-קאַראַן-וואָלטער געזעץ, וואָס איז הויפּטזעכלעך געווענדט קעגן אַלע אימיגראַנטן און זייערע משפּחות.

דאָס דאָזיקע געזעץ נעמט צו ביי דריי מיט א האלבן מיליאָן אימיגראנטן, וועלכע זענען נישט קיין אמעריקאנער בירגער, די לעצטע רעשטלעך, פון וועלכע עס איז רעכט, וואָס זיי האָבן נאָך פריער באזיצט. אויפן סמך פון אָט דעם געזעץ איז די מאכט „בארעכטיקט" צו האלטן יעדן אויסלענדער ביז 10 יאָר אין תפיסה אָדער אין א קאנצענטראציע־לאגער אפילו אָן א געריכטס־אורטייל. די פּאָליציי מעג איצט דעפּאָרטירן אן אויסלענדער, נישט אינפאָרמירנדיק אים וועגן מאָטיוו און האלטן אים הינטער די קראטעס ביז צום מאָמענט, ווען ער ווערט ארויסגעשיקט פון לאנד. דאָס פאשיסטישע געזעץ גיט דער פּראָקוראטור ברייטע פולמאכטן אָנצווענדן אן אומברחמנותדיקן טעראָר לגבי יעדן „אויסלענדער", וועמען זי פארדעכטיקט, אַז ער איז נישט צופרידן מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק. דעם באשולדיקטן ווערט אפילו צוגענומען דאָס רעכט צו אפעלירן צום געריכט.

דאָס איז נאָכנישט אלץ. דאָס פאשיסטישע געזעץ דערלויבט אויך יעדן באַאַמטן פון אמעריקאנער יוסטיץ־מיניסטעריום צו יעדער צייט צו פארהאלטן אָן אַ ספּעציעלן מאנדאט יעטוועדן אויסלענדער, אים צו פארהערן, צו רעווידירן און אפילו צו ארעסטירן. עס ווערן אויך פאָרויסגעזעהן מאסן־אָבלאַוועס קעגן איינוואנדערער. דאָס געזעץ באַטאָנט, אַז די פאַרהאַלטענע פּערזאָנען דראָט תפיסה, אויב זיי וועלן נישט געבן די געהיים־אַגענטן אלע געווינטשענע אינפאָרמאציעס, ד. ה. אויב זיי וועלן נישט מסכים זיין צו ווערן מוסרים.

מיר האָבן דאָ אלזאָ פאר זיך א נייעם וואריאַנט פון די גוט־באקאנטע מעטאָדן פון דער נאצישער „יוסטיץ". אָבלאַוועס, דאָס פארוואַנדלען פון רואיקע בירגער אין מוסרים, די דיקטאַטאָרישע הערשאפט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, דאָס באַרויבן די קרבנות פון טעראָר פון וועלכע עס איז מיטלען פון געריכטלעכער פארטיידיקונג, דעפּאָרטאציע פאר די נישט־געהאָרכזאַמע און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאר „פארדעכטיקטע".

מיט איין וואָרט, פאשיזירנדיק דאָס לאנד, שטעלט דער אמעריקאנער פינאַנס־קאַפּיטאַל אויסערן געזעץ עטלעכע מיליאָן אזוי־גערופענע אויסלענדער, וואָס ווערן אונטערגעוואָרפן דער דיקטאַטאָרישער אליינהערשאפט פון דער פּאָליציי.

אין נישט קיין פיל בעסערער לאגע ווערן איבעריקנס אוועקגעשטעלט די 11 מיליאָן איינוואנדערער, וואָס האָבן אין דער פארגאנגענהייט באַקומען אמעריקאַנער בירגערשאפט. דאָס געזעץ באַאויפטראַגט די מאכט צוצונעמען אָט די בירגער־רעכט יעדן, וואָס האָט אין די ערשטע 5 יאָר נאָך זיין נאַטוראַליזאציע זיך פארבונדן מיט איינער פון די אזוי־גערופענע „איבערקערערישע" אָרגאַניזאַציעס. און די אמעריקאנער מאכט־אָרגאַנען באַטראַכטן אלס אזעלכע אלע קעמפערישע פּראָפעסיאָנעלע פאריינען און בכלל יעדע אָרגאַניזאציע, וואָס קעמפט פאר שלום, אָדער פאר דער גלייכבארעכטיקונג פון אלע פעלקער און ראַסן, וואָס באַוווינען די פאראייניקטע שטאַטן. נאָכמער, דאָס מעק־קאַראַן־וואָלטער געזעץ דערלויבט דער וואַשינגטאָנער רעגירונג צוצונעמען די בירגערשאַפט ביי די, וואָס ווערן דורך איר

באטראכט אלס „שעדלעכע פאר די אינטערעסן פון לאנד“. ד.ה. ביי יעדן, וואס שטעלט זיך אנטקעגן דער וואנטוריסטישער מלחמה־פאליטיק פון פינאנץ־קאפיטאל.

קורץ, אפילו מענטשן, וואס האבן אייגעוואנדערט קיין אמעריקע מיט צענדליקער יארן צוריק, וואס האבן די גאנצע צייט הארט געהארעוועט און בארייכערט די פינאנץ־מאגנאטן, און וואס זענען שוין זינט פיל יארן אמעריקאנער בירגער — זענען היינט נישט זיכער מיטן מארגן. עס איז גענוג זיי זאלן ארויסזאגן עפעס א נישט געפעלנדיקע מיינונג וועגן דער רעגירונגס־פאליטיק, אחער זיי זאלן נישט געפעלן ווערן עפעס א מלוכה־באאמטן, כדי צו בלייבן אוים „אמעריקאנער“ און אריינגעשליידערט צו ווערן אין דער שרעקלעכער לאגע פון רעכטלאזע „אויסלענדער“, וואס קאנען צו יעדער צייט אריינגעווארפן ווערן אין תפיסה אדער ארויסגעשיקט ווערן פון לאנד.

אט וואס פאר א אומזיכער, פיינלעך און געמוטשעט לעבן עס פירן אין די פאראייניקטע שטאטן פיל מיליאן אייגעוואנדערטע ארבעטנדיקע, וועמען די אמעריקאנער מאנאפאליסטן באהאנדלען אלס צווייט־ראנגיקע און „מינדערווערטיקע“ מענטשן.

* * *

דער גורל פון די אימיגראנטן און זייערע קינדער — דאס איז אויך, אין אלגעמיין גענומען, דער גורל פון די יידישע ארבעטנדיקע אין די פאראייניקטע שטאטן. ווייל 80 פראצענט פון די יידן, וואס לעבן איצט אין אמעריקע, דאס זענען, מענטשן, וואס האבן אהין אליין אייגעוואנדערט זינט דעם אנהייב פון 20־טן יארהונדערט אדער קינדער און אייניקלעך פון אט די אימיגראנטן.

דער רוב מנין פון די אמעריקאנער יידן ליידט אלזא פון די אלע צרות, וועלכע עס האבן אויסצושטיין די איינוואנדערער און זייערע קינדער. אלס יידן זענען זיי אבער אויסער דעם אויך קרבנות פון ספעציעלע אנטי־יידישע באגרענעצונגען און פארפאלגונגען, ווייל, ווי מיר וועלן באלד זען, איז אנטיסעמיטיזם צוגלייך מיט ראסיזם אן ארגאנישער באשטאנד־טייל פון „אמעריקאנער לעבנס־שטייגער“.

ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן...

אין יאָר 1790, ד. ה. אומגעפער ווען די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַנטשטאַנען אַלס אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, האָבן אין דאָזיקן לאַנד צווישן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון 2 מיליאָן נפשות זיך געפונען 2 טויזנט יידן. דאָ זענען געווען לויטער ספרדישע יידן פון ענגלאַנד און האָלאַנד, וואָס האָבן דער עיקר לויט זייער רעליגיע זיך אונטערשיידט פון אַנדערע ענגלענדער און האָלענדער.

אין 19־טן יאָרהונדערט האָט די נויט אין דייטשלאַנד און שאַרפע רעפּרעסיעס נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1848 באַוויזן מיליאָנען דייטשן איבערצוואַנדערן קיין אַמעריקע. אין גרויסן שטראָם פון דייטשישע אימיגראַנטן האָבן אין די יאָרן 1840—1880 זיך געפונען אַרום 220 טויזנט דייטשישע יידן.

אין דער שנעלער עקספּאַנסיע פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך פאַרשטאַרקט באַזונדערס נאָכן אַמעריקאַנער בירגער־קריג פון 60־ער יאָרן פון פאָריקן י"ה, האָבן אויך פיל ספרדישע און דייטשישע יידן זיך באַרייכערט. באַנוצנדיק די זעלבע מיטלען פון שווינדל, שאַנטאַזש, רויב, קאָרופּציע און פון אומברחמנותדיקער עקספּלאָטאַציע פון איינגעוואַנדערטע אַרבעטער, וועלכע עס האָבן אָנגעוואָנדן די אַנדערע אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן, האָבן אויך מאַנכע יידן דערוואָרבן ריזיקע פאַרמעגנס.

אין דער אַמעריקאַנער פינאַנץ־אָליגאַרכיע פאַרנעמען הײַנט נישט קיין קליין אָרט די וואָל־סטריט באַנקירן קוהן און לעיב, די ברידער זעליגמאַן, די וואַרבורגס און שיפס, די שטראַוסעס און ראָזענוואַלדס, די אַלטמאַנס און גוגנהיימס. צווישן די אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטן געפינען זיך נאָך פיל צענדליקער אַנדערע גרויסע יידישע פינאַנסיסטן, פאַבריקאַנטן און אייגנטימער פון גיגאַנטישע האַנדלסגעזעלשאַפטן, וואָס האָבן פיליאַלן אין גאַנצן לאַנד.

די מיליאָנערן־משפחות פון ספרדישע און דייטשישע יידן האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ סך באַדייטנדיקע בורזשואַזע מלוכה־לייט, ריכטער, פירער פון בײַדע

רעאַקציאָנערע פּאַרטייען, באַקאַנטע בורזשואַזיע פּובליציסטן און אידעאָלאָגן פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. באַקאַנט זײַנען די נעמען פון די וואָרטזאָגער פון קאַפּיטאַליזם בערנאַרד באַרוך, מאָרגנטוי, לעהמאַן, ליליענטאַל, פון די ריכטער פון העכסטן געריכט בראַנדײַס און פראַנקפורטער, פון פּובליציסט וואָלטער ליפּמאַן, פון די אַרויסגעבער פון „ניו-יאָרק-טײַמס" אָקס און סולצבערגער און זייערס גלייכן.

אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון 20-טן יאָרהונדערט האָבן די רייען פון דער יידישער גרויס-בורזשואַזיע פאַרשטאַרקט אַ צאָל פּוילישע יידן, וועלכע האָבן זיך באַרייכערט אַלס גאַקלייד-פאַבריקאַנטן און אונגאַרישע יידן מאַגנאַטן פון דער האָליוודער פילם-אינדוסטריע.

ווי מיר זעען, עקזיסטירט אין אַמעריקע אַ באַדייטנדיקע יידישע בורזשואַזיע, וואָס האָט נישט קיין קליינע דעה איןווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון לאַנד. זי איז אַן אָרגאַנישער טייל פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם און איז מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זײַנע מעשים. די יידישע באַנקירן, פאַבריקאַנטן און מאָנאָפּאָליסטישע האַנדלס-פירמעס האָבן צוגלייך מיט די נישט-יידישע מיליאַרדערן און מולטי-מיליאָנערן זיך גאָכמער באַרייכערט אין ביידע וועלט-מלחמות. די יידישע וואָל-סטריט באַנקירן ציען אַרויס — פונקט ווי זייערע אַנגלאָזאַקסישע שותפים, אָדער קאָנקורענטן — מאַקסימאַלע רווחים פון דער אַגרעסיוע קעגן קאָרעאַנישן פאָלק, ווי פון דעם אונטעריאָכן די מאַרשאַליזירטע מלוכות.

דער פּובליציסט וואָלטער ליפּמאַן איז איינער פון די וואָרט-זאָגער פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. דער „ניו-יאָרק-טײַמס" ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די הויפּט-אָרגאַנען פון וואָל-סטריט. די צייטונגען, וועלכע עס גיט אַרויס דער יידישער מולטי-מיליאָנער מאַרשאַל פילד, פירן אַ ווילדע העצע קעגן די קאָמוניסטן און דעם ראַטנפאַרבאַנד. דער יידישער רעאַקציאָנערער פּאָליטיקער פיינבערג איז דער מחבר פון אַ פאַשיסטיש געזעץ, וואָס איז געווענדט קעגן פּראָגרעסיווע און זעלבשטענדיק-דענקענדיקע לערער. די פילמען, וועלכע עס פּראָדוצירן די יידישע אייגנטימער פון די האָליוווד-סטודיעס, פאַרשפּרייטן ראַסן-האַס, רעגן אָן צו מאָרד און געוואַלד-טאַטן.

רעדנדיק וועגן אַמעריקאַנער יידן, דאַרף מען שטענדיק געדענקען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט צוויי לאַגערן, וואָס שטייען זיך אַנטקעגן. פון איין זייט זענען פאַראַן גרויסע מאַסן פון יידישע אַרבעטנדיקע, וואָס לײַדן פון נויט, פון כלערליי באַגרענעצונגען, פון רדיפות קעגן אײַנוואַנדערער און פון אַנטיסעמיטיזם. פון דער אַנדערער זייט עקזיסטירט אַ קליינער שיכט פון יידישע מאָנאָפּאָליסטן.

גרויסע אויסנוצער און פאַרביסענע רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער, וואָס פּראָפּיטירן פון דער אַמעריקאַנער ראַסיסטישער און שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק און וואָס העלפן דורכפירן אָט די פּאָליטיק.

* * *

ביז ארום די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט מען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן זעלטן געהערט וועגן אַנטי־יידישע ארויסטרעטונגען. אָבער ווען די שנעלע אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד נאָכן בירגער־קריג האָט פאַרשאַרפט די קלאַסן־קעגנזאַצן, ווען דער וואַקסנדיקער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט האָט אין מעכטיקע שטרייקן גענומען באַווייזן זיין כוח, האָבן די הערשנדיקע קרייזן פאַרשטאַרקט די פאַרשפּרייטונג פון כלערליי ראַסן־פאָראורטיילן און במילא אויך פון האַס קעגן יידן. אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן איינס פון די מיטלען, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מאַסן פון זייערע ווערנטלעכע אינטערעסן.

די ערשטע אַנטיסעמיטישע ארויסטרעטונג אין דער פּרעסע און אין עפנטלעכן לעבן זענען באַגלייט געוואָרן דורך אַ ריי אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען. די גרויסע האָטעלן און פּענסיאָנאַטן אין די דאָזיקע האָבן אויפגעהערט צוצולאָזן יידישע געסט. אין די געגנטן, וווּ עס האָבן געוווינט די פאַרמעגלעכע „הונדערט־פּראָצענטיקע“ אַמעריקאַנער, האָט מען נישט געוואָלט פאַרקויפן קיין הייזער אָדער פאַרדינגען דירות יידן. פיל קלובן און פאַרבאַנדן פון דער בורזשואַזיע און פון קלייַנבירגערטום האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַריינצונעמען יידן אַלס מיטגלידער.

דער אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם האָט ארויסגערופן אַ פאַרביטערונג צווישן דער דעמאָלטיקער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער יידישער באַפעלקערונג. די גרויסע יידישע באַנקירן און פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן אין הסכם מיט זייערע קלאַסן־אינטערעסן, באַטראַכט פאַר כשר אַלע מיטלען, וואָס קאָנען אָפּציען דעם אַרבעטער פון קלאַסן־קאַמף, האָבן זיך אָבער באַמיט צו באַגאַטעליזירן דעם גאַנצן ענין. זיי האָבן אויפגעבויט פאַר זיך נייע דאָזיקע און געשאַפן זעלבשטענדיקע קלובן און פאַרבאַנדן פאַר דער יידישער בורזשואַזיע. גלייכצייטיק האָבן זיי געהאָפט די אַמעריקאַנער יידן נישט צו לייגן קיין אַכט אויפן וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם.

אין די לעצטע יאָרן פון פאָריקן און אין אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט, ווען קיין אַמעריקע זענען אָנגעקומען הונדערטער טויזנטער יידן פון פוילן, אוקראַינע, בעסאַראַביע און ליטע, האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם נאָכמער פאַרשאַרפט. ער האָט אויך אָנגענומען מער אַקטיווע פאָרמען, ווייל די נייע יידישע איינוואַנדערער איז לייכט געווען אונטערצושיידן. אין קעגנזאַץ צו די ספּרדי־

שע און דייטשע יידן, וואָס האָבן זיך שנעל אסימילירט אין די פאראייניקטע שטאטן, האָבן די ניי-אָנגעקומענע געבראכט מיט זיך זייערס און אייגענע שפּראך, יידיש, און זייערס אַן אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, אין וועלכער זיי האָבן געפּרווּט זיך אויסלעבן אויך אין זייער ניי וווין-אָרט.

פארשפּרייטנדיק ראסן-האס און שאָוויניזם, האָט די אמעריקאנער רעאקציע אויסגעקליבן אלס איר ספּעציעלן קרבן די ניי-אָנגעקומענע יידישע איינוואנדערער. אנטיסעמיטישע וויצן און קאריקאטורן זענען געוואָרן א כסדרדיקע דערשיינונג אין דער פארקויפטער פּרעסע. די בולוואר-צייטונגען האָבן אלץ אָפטער גענומען פאָרשטעלן דעם פּוילישן ייד אלס עפּעס א „ווילדע און געפערלעכע בריאה“ און וואַרפן אויף אים די שולד פאר אלדאָס שלעכטס. גלייכצייטיק האָבן די גרויסע אונטערנעמונגען פון אלערליי ווירטשאפטס-צווייגן געשלאָסן זייערע טירן פאר יידן. אזוי ארום האָבן די גרויסע קאפּיטאליסטן זיך באמיט צו שטערן דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער אַרבעטער צו באַקענען די יידישע פאָלקס-מאַסן און איינצוזען די אומזיניקייט פון דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, מיט וועלכער מען שפּייזט אים. נישט געפינענדיק ערגעץ אַנדערש קיין באַשעפטיקונג, זענען מערסטנס יידישע איינוואַנדערער דאַן אַוועק אַרבעטן אין די ווארשטאטן פון דער נאָדל-אינדוסטריע, וואָס זענען געווען באקאנט אלס „שוויץ-שעפּער“ און וואָס האָבן על-פּי-רוב געהערט צו פארמעגלעכע דייטשע יידן.

די יידישע בורזשואזיע האָט אויך איצט זיך באמיט צו דערשטיקן יעדן פּראָטעסט קעגן דער וואקסנדיקער אנטיסעמיטישער אגיטאציע. די דאָזיקע אגיטאציע האָט אבער נישט אָנגערירט די אינטערעסן פון די יידישע גבירים, ווייל זי איז געווען געריכטעט קעגן די יידישע אַרבעטנדיקע. פאַרקערט, דער פאַקט, וואָס מען האָט די נייע יידישע איינוואַנדערער אין ערגעץ נישט צוגעלאָזט צו דער אַרבעט, האָט דערלויבט דער יידישער בורזשואַזיע אַלץ מער צו פאַרשטאַרקן די אוממענטשלעכע עקספּלאָאטאציע פון די יידישע ארבעטער אין די „שוויץ-שעפּער“.

זינט ארום דעם יאָר 1910 זענען צוגעקומען נאָך אייניקע פאָרמען פון אנטי-יידישע דיסקרימינאַציעס. צו דער צייט זענען דערגאַנגען צו אַ דערוואַקסענעם עלטער פיל קינדער פון מזרח-אייראָפּעישע יידישע אימיגראנטן, וואָס זענען שוין געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פּרוּוונדיק אָנקומען אין הויכשולן, האָבן די דאָזיקע אמעריקאנער בירגער זיך דערוווּסט, אז דאָרט איז איינגעשטעלט א נומערוס קלאוזוס פאר יידן. אומזיסט האָט די יוגנט זיך אויך באמיט צו קריגן שטעלעס ביי ביוראָ-ארבעט, צי אלס מלוכהשע אָדער שטאַטישע באאמטע.

צו יענער צייט האָבן צווישן צייטונגס-אַנאָנסן וועגן שטעלעס אָדער דירות צו פארדינגען זיך אלץ אָפטער גענומען באווייזן באמערקונגען „יידן נישט גע-

וונטשן" אָדער „נאָר פאר פּראָטעסטאנטן". אין 1913 האָט דאָס „אמעריקאנער יידישע יאָרבוך", וואָס דערשיינט אין דער ענגלישער שפּראַך, געשריבן:

„אין די לעצטע יאָרן האָבן פארשידענע האָטעל־אייגנטימער געמאָלדן אין פיל צייטונגס־אנאָנסן און דורך ספּעציעלע צירקולאַרן, אז זיי נעמען נישט אָן קיין יידן אלס געסט. אייזנבאן־פירמעס און שיפס־געזעלשאפטן האָבן אין זייערע פּראָספּעקטן פארעפנטלעכט ענלעכע מעלדונגען".

מיט איין וואָרט, נאָך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער אנטיסעמיטיזם שוין געבושעוועט אין די פאראייניקטע שטאַטן, און די יידישע אַרבעטנדיקע האָבן שוין דאן געליטן פון כלערליי באגרענעצונגען. שוין צו יענער צייט האָבן יידן געמעגט ארבעטן נאָר אין געציילטע פאכן, וווינען בלויז אין באשטימטע קוואַרטאַלן און נעכטיקן נאָר אין מאַנכע פון די האָטעלן.

די יידישע וואָל־סטריט־מאָנאָפּאָליסטן האָבן זיך אָבער באמיט צו פארשווייגן דאָס אלץ. די יידישע רעאקציאָנערע צייטונגען אין אמעריקע, ווי אין אנדערע לענדער, האָבן וועגן דעם אַלעמען נישט געגעבן קיין פּיפּס. פאַרקערט. זיי האָבן זיך באמיט איינצורעדן די עפנטלעכע מיינונג, אז אין די פאראייניקטע שטאַטן געניסן די יידן כלומרשט פון „דעמאָקראַטיע" און „גלייכבארעכטיקונג".

אַן אַמעריקאַנער ביילים־פּראָצעס

אין יאָר 1911 זענען דעמאָקראַטישע כוחות אין דער גאַנצער וועלט שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן קעגן דעם בלבול פון אַ יידישן „ריטואַל־מאָרד“, אויפן סמך פון וועלכן ס׳איז אין צאַרישן רוסלאַנד אינסצעניזירט געוואָרן אַ פּראָצעס קעגן ייד מענדל ביילים.

עס איז אָבער ווייניק באַקאַנט אין דער וועלט, אַז מיט אייניקע יאָר שפּעטער איז אַן ענלעכער פּראָצעס אינסצעניזירט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער „דעמאָקראַטיע“. די פּרטים פון דער האָזיקער געשיכטע ווערן ברייט איבערגעגעבן אין בוך וועגן אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכן דער אַמעריקאַנער שרייבער קערי מעק־וויליאַמס האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1948 און אין דער „געשיכטע פון שאָוויניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן“ פון פאָרגעשריטענעם אַמעריקאַנער פּובליציסט גוסטאַוווס מעיערס.

אין אַפּריל 1913 איז דער טויטער קערפּער פון אַ דערשטיקט 14־יאָריק מיידעלע געפונען געוואָרן אין קעלער פון אַ קליינער בלייפעדער־פאַבריק אין דער אַמעריקאַנער שטאָט אַטלאַנטאַ. דער פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, דער 29־יאָריקער ייד, לעאָ פראַנק, איז אַרעסטירט געוואָרן, און הגם עס זענען נישט געווען קיין שום באַווייזן, אַז ער האָט געהאַט אַ וועלכע עס איז שייכות מיטן טויט פון דעם קינד, האָט די אָרטיקע רעאַקציאָנערע פּרעסע גענומען באַהאַנדלען דעם גאַנצן ענין אַלס „יידישן ריטואַל־מאָרד“.

אין דער פּאָגראָם־קאַמפּאַניע, וואָס איז פאַנאַנדערגעפלאַקערט געוואָרן, האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער פאַרביסענער יידן־פרעסער טאָמאַס וואַטסאָן, דער אַרויסגעבער פון 2 צייטשריפטן. ער האָט געשאָטן מיט פּעך און שוועבל אויף אַלע יידן, וועמען ער האָט באַצייכנט אַלס „מערדער“. ער האָט אין זיינע צייטונגס־אַרטיקלען גערופן קריסטלעכע עלטערן צו היטן זייערע טעכטער „קעגן דער תאווה און די מערדערישע אינסטינקטן פון די יידן“. יעדן אַמעריקאַנער, וואָס האָט געוואַגט זיך אַרויסצוזאָגן קעגן דעם בלבול, האָט ער באַצייכנט אַלס אַ „קנעכט פון די יידן“.

דער פּראָצעס קעגן לעאָ פראנק איז פאָרגעקומען אין א ווירקלעכער פּאָגראָם־אטמאָספער. א גרויסער המון פון בוליגאנעס, אויפגעהעצטע דורך וואטסאָנס ארטיקלען, האָט א גאנצע צייט באלאגערט די געריכטס־געביידע. אין געריכטס־זאל גופא האָבן פּאָגראָמשטשיקעס כסדר טעראָריזירט די געשווירענע און געשריגן: „הענגט דעם ייד, אָדער מען וועט אייך אויפהענגען“. אין אָט דער אטמאָספער איז פראנק פארמשפּט געוואָרן אויפגעהאָנגען צו ווערן.

אינגיכן נאָך דעם פּראָצעס האָט א המון פון פּאָגראָמשטשיקעס ארויסגעשלעפּט פראנקן פון תפיסה און אים אוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, ווו ער איז געלינטשט געוואָרן. די מאכט־אָרגאנען האָבן ווי געווייגלעך אין אזעלכע פאלן נישט געפונען די שולדיקע... וואטסאָן האָט ווייטער געדרוקט זיינע העצערישע ארטיקלען קעגן יידן.

וואטסאָנס ביידע וואָכנצייטונגען זענען שטענדיק געווען פול מיט עקלדיקע אנטי־יידישע קאריקאטורן. זיינע ארטיקלען האָבן געשווימלט מיט די נידעריקסטע פּאָרנאָגראַפישע אויסדרוקן און מיט ווילדע דראָונגען קעגן יידן.

וואטסאָן איז שפּעטער געוואָרן א מיטגליד פון אמעריקאנער סענאט. זיינע וואשינגטאָנער אנטיסעמיטישע רעדעס פלעגן איבערגעדרוקט ווערן דורך דער גאנצער הוירסט־פּרעסע. ווען דער פּאָגראָמשטשיק איז געשטאָרבן אין יאָר 1922, האָט מען אין זיין אָנדענק געהאלטן פיל לויב־רעדעס אין ביידע קאמערן פון אמעריקאנער קאָנגרעס. אין יאָר 1924 האָט די אמעריקאנער רעגירונג אָפּגעדרוקט א ספּעציעל בוך פון 294 זייטן, פול מיט לויב־געזאנגען פאר אָט דעם אנטיסעמיט און מיט ציטאטן פון זיינע יידן־העצערישע רעדעס.

ווילדע אנטיסעמיטישע העצעס האָט צו יענער צייט, אין די 20־קער יאָרן, אויך געפירט הענרי פאָרד, איינער פון די פירנדיקע אמעריקאנער מאָנאָפּאָליסטן. במשך פון זיבן יאָר צייט האָט פאָרדס אַ וואָכנצייטונג „דירבאָרן אינדעפּענדענט“ זיך פארנומען כמעט אויסשליסלעך מיט פארשפּרייטן ליגנס, נידערטרעכטיקע בלבולים און האַס קעגן יידן. זאַמלונגען פון אַנטיסעמיטישע ארטיקלען פון דער וואָכנצייטונג זענען דערנאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוך־פאָרם און פאָרד האָט זיי פאַרשפּרייט אין מיליאָנען עקזעמפּלארן אין אַלע עקן פון לאַנד.

איינס פון אָט די העצ־ביכער, „דער אינטערנאציאָנאלער ייד“, איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן. פאָרדס פאַרטרעטערשאַפטן אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואָס האָבן דאָרט פאַרקויפט זיינע אויטאָמאָבילן, פלעגן אומעטום פאַרשפּרייטן דאָס דאָזיקע בוך אומזיסט צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

די אולטרא־רעאקציאָנערע פּובליציסטן און די פּראָפעסיאָנעלע פאלסיפיקאטאָרן, וואָס האָבן געשריבן יידן־העצערישע ארטיקלען פאר פאָרדן, האָבן דערפירט די היפּאָקריטישע אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגיע צו איר העכסטער שטופע.

דער אַמעריקאַנער יידישער פּובליציסט סמיועל אונטערמעיער האָט אין זיין בוך „די געשיכטע פון אַ ליגן" אָפּגעשאַצט, אַז פאָרדס בוך „דער אינטערנאַציאָנאַלער ייד" האָט אַנטהאַלטן די גרעסטע ליגנס און פעלשונגען וועגן יידן און זייער געשיכטע, וואָס זענען ווען-עס-איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין איין באַנד".

די נאַצי-פּראָפּאַגאַנדע האָט כסדר געשעפּט פון דעם רייכן „אוצר" פון אַנטיסעמיטישן מאַטעריאַל, וועלכן פאָרד האָט איר צוגעשטעלט. אין זיין בוך „אַ מאַסקע פאַר פּריווילעגיעס" שרייבט וועגן דעם דער אַמעריקאַנער שרייבער קערי מעק-וויליאַמס אַט וואָס:

„עס איז אַ גרויזאַמע איראָניע פון דער געשיכטע, אַז דעם ווילדן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט טיילווייז אינספּירירט אַן אַמעריקאַנער פאַבריקאַנט... ווען מען פאַרבינדט דעם פעריאָד פון פאָרדס אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם מיט די געשעענישן אין דייטשלאַנד צו דער זעלבער צייט, דאַן ווערט קלאָר, אַז אין אַ געוויסן זין האָט היטלער פאָרגעזעצט (דאָס זעלבע ווערק — י. ל.) פון פונקט, צו וועלכן פאָרד האָט דערפירט".

פאָרדס העץ-קאַמפּאַניעס האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם אומגעהויערן פאַרנעם, וועלכן דער אַנטיסעמיטיזם האָט שוין דאַן דערגרייכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין פעברואַר 1922 האָט דער פאַרוואַלטער פון אַ גרויס אַרבעטס-פאַרמיטלונגס-ביוראָ אין שיקאַגאָ געמאָלדן, אַז 67 פּראָצענט פון אַלע פירמעס, וואָס זוכן אַרבעטער, באַטאָנען, אַז זיי ווילן נישט קיין יידן. די האַנדלס-קאַמער פון פילאַדעלפיע האָט אין איר אָפיציעלן ביולעטין זיך אַרויסגעזאָגט פאַר באַגרענעצונגען לגבי יידן. ווען אַ 4-יאָריק מיידעלע איז פאַרשוואונדן אין סעפּטעמבער 1928 אין שטעטל מאַסענאַ פון שטאַט ניו-יאָרק, איז דער אָרטיקער רב אינמיטן יום-כפור געבראַכט געוואָרן צו דער פּאָליציי אונטער דער באַשולדיקונג פון אַ „ריטואַל-מאָרד". דעם 21-טן יוני 1927 האָט מען ביי 3 יידישע דאָקטוירים אין ניו-יאָרקער שפּיטאָל פון קינגס-קאַונטי אינמיטן דער נאַכט געבונדן הענט און פיס און אַריינגעוואָרפן זיי אין וואַנעס אייז-קאַלט וואַסער. אין סענט-פּעטערסבורג, אין שטאַט פלאָרידע, האָט דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער האַנדלס-קאַמער עפנטלעך דערקלערט, אַז עס איז שוין צייט צו פאַרוואַנדלען סענט-פּעטערסבורג אין „אַ 100-פּראָצענטיקע יידן-ריינע שטאָט".

קורץ, נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט מען אין די פאַראייניקטע שטאַטן שוין אָנגעוואָנדן פיל פון די מעטאָדן, וועלכע די נאַציס האָבן שפּעטער אימיטירט. שוין מיט 25 יאָר צוריק, איז דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אין הינזיכט פון אַנטיסעמיטיזם דורכויס נישט פאַרבליבן הינטערשטעליק לגבי דעם סאַנאַטאָרישן פּוילן, אָדער דעם האָרטי — אונגאַרן.

פּאָגראָם־העצעס אין ניו־יאָרק

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט די רעאַקציע אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. אומעטום האָבן די פֿאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרשטאַרקט זייער אַקטיוויטעט.

אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט אין דעם פּעריאָד געהערשט אַ טיפֿער עקאָנאָמישער קריזיס. אין די שטעט האָבן 20 מיליאָן אַרבעטסלאָזע געפֿאָדערט אַרבעט און ברויט. אין די אינדוסטריעלע צענטערן פֿלעגן אָפֿט אויסברעכן מעכטיקע שטרייקן. ברייטע שיכטן פֿאַרמער זענען רואינירט געוואָרן. די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן אַלץ קלאָרער גענומען אַרויסווייזן זייער אומצופֿרידנקייט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס פֿאַרמשפּט זיי צו הונגער און נויט.

אין אַט דער סיטואַציע, וועלכע האָט געדראָט מיט ערנסטע פֿאָלגן פֿאַרן קאַפּיטאַליזם, האָט וואָל־סטריט אַקטיוויזירט אַ ריי פֿאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן דורך טומלדיקע העץ־קאַמפּאַניעס געפּרוּווט צו ריכטן די אומצופֿרידנקייט און דעם צאָרן פֿון פֿאָלק קעגן די קאָמוניסטן און די ייִדישע אַרבעטנדיקע.

דער אַמעריקאַנער בורזשואַזער סאָציאָלאָג ד״ר דאָנאַלד ס. סטראָנג האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אין די יאָרן 1933—1940, זענען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן געווען טעטיק אַזש 121 פֿאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פּראָפּאַגאַנדירט ווילדע העצעס קעגן ראָטנפֿאַרבאַנד, קעגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן און די ייִדן.

איינע פֿון די אָרגאַניזאַציעס, דער נאַצי־בונד, איז געווען דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער היטלעריסטישער פּאַרטיי פֿון דריטן רייך. דער נאַצי־בונד האָט אין זיינע פֿלוג־בלעטלעך אָפֿן געפּרעדיקט „די פֿאַראייניקונג פֿון אַלע אַמעריקאַנער, וואָס ווילן פֿאַרטיידיקן די אַרישע קולטור, כּדי צו באַפֿרייען אַמעריקע פֿון די ייִדן און די באָלשעוויקעס“. אויך אַן אונטערנעמונג, וואָס דער „בונד“ פֿון אַמעריקאַנער דייטשן האָט צונויפֿ מיט די פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס קו־קלוקס־קלען און

דעם אמעריקאַנער לעגיאָן אָרגאַניזירט דעם 20=טן פעברואַר 1939 אין גרעסטן ניו=יאָרקער זאַל, מעדיסאָן סקווער גאַרדן, האָבן אָרקעסטערס כסדר געשפּילט נאַצי=מאַרשן. אין זאַל זענען געהאָנגען פיל האַקנקרייצן און אויפשריפטן: „צעשמעטערט דעם יידישן קאָמוניזם“! און „שטעלט אָפּ די יידישע הערשאַפט אין דער קריסטלעכער אַמעריקע“.

וויליאַם האַדלי פעלי, דער פירער פון איינער פון די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס „די זילבערנע העמדער“, האָט זיך באַרימט, אַז זיין פאַרלאַג, וואָס איז באַטיילעד פינאַנסירט געוואָרן דורך וואָל=סטריט, פאַרשפּרייט יעדעס יאָר אַ מיליאָן אַנטיסעמיטישע און אַנטיקאָמוניסטישע בראָשורן. אַן אַנדער פאַשיסטישער פירער, דער גלח דזשעראַלד ווינראָד, וואָס איז אין 1935 אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע אין נאַצי=דייטשלאַנד, האָט פאַרזיכערט, אַז ער באַאיינפלוסט 20 טויזנט פּראָטעסטאַנטישע פּאַסטאָרן, וועלכע זענען גרייט, ווען מען וועט פון זיי פאַרלאַנגען, צו פּרעדיקן אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם=דרשות אין זייערע קירכעס.

אין אַלע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן פאַשיסטישע באָיוווקאַזשעס יאָרנלאַנג פאַרקויפט אויף די אַממערסטן באַלעבטסטע פונקטן די פּאָגראָם=צייטונג „סאָשל דזשאַסטיס“, דעם אָרגאַן פון דער אַנטיסעמיטישער אָרגאַניזאַציע „קריסטלעכער פראָנט“. דער אַמעריקאַנער „אינסטיטוט פון עפנטלעכער מיינונג“ האָט אין יאָר 1939 אָפּגעשאַצט, אַז אומגעפער דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן גלויבנדיקע קאַטאָליקן הערן יעדן זונטיק די ראַדיאָ=רעדעס פון גלח קאַגלין, דעם פירער פון „קריסטלעכן פראָנט“.

יעדן זונטיק האָבן די קאָגלאַניסטן אָפּגעהאַלטן מיטינגען אונטערן פרייען הימל אין ניו=יאָרק און אין ברוקלין. גוסטאַוווס מעיערס, דער מחבר פון דער „געשיכטע פון שאָוויניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן“ גיט איבער אין זיין בוך, אַז בעת איינעם פון די מיטינגען אויפן קאָלומבוס=פּלאַץ אין ניו=יאָרק האָט דער קאָגלאַניסטישער רעדנער דערקלערט, אַז ער „ווינטשט זיך צו זען יידיש בלוט פליסן אין גאַנץ אַמעריקע“. אַן אַנדער רעדנער האָט געליאַרעמט, אַז „מען דאַרף הענגען יעדן איינציקן ייד אין די פאַראייניקטע שטאַטן“.

אין די זומער=חדשים פון יאָר 1939 און 1940 זענען בלויז אין ניו=יאָרק דורכגעפירט געוואָרן יעדן זונטיק אַרום 60 אַזעלכע גאַסן=מיטינגען. די מיטינגען פלעגן אָפט פאָרקומען בשכנות פון די יידישע קוואַרטאַלן און די רעדנער פלעגן רופן די פאַרזאַמלטע צוהערער אָנצופאַלן אויף דער באַפעלקערונג פון די שכנותדיקע גאַסן, כדי „זיך אָפּצורעכענען מיט די יידן“. עס פלעגט אָפט קומען צו בלוטיקע געשלעגן מיט יידישע יונגעלייט און מיט צאָלרייכע גרופּן פון פּראָגרעסיווע ניט=יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג קעגן די ווילדע אַטאַקעס פון די פאַשיסטישע פּאָגראָמשטשיקעס.

ביז שפּעט אין אָווגט פלעגן באַנדעס פון קאָגלינּיסטן יעהן זוגטיק גראַסירן איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, שרייענדיק: „נידער מיט די יידן!", „ראַטעוועט אַמעריקע!". טײלמאָל פלעגן זיי באַזעצן מעטראָ־באַנען און אויפהענגען אויף די פענצטער פון אַלע וואַגאָנען אויפשריפטן, וואָס האָבן געלויטעט: „כדי צו דערגרייכן שלום און וווילשטאַנד, מוז יעדע נאַציע אויסהרגענען אירע אַלע יידן, די לעצטע שעה פון די יידן אין אַמעריקע איז שוין נישט ווייט. יידן, אַמעריקע וועט זיין אייער ענדגילטיקער קבר".

אָט די פּאָגראָם־אַגיטאַציע איז בעת דעם גרויסן עקאָנאָמישן קריזיס באַגלייט געוואָרן דורך ווילדע אַנטי־יידישע העצעס אין הונדערטער רעאַקציאָנערע צייטונגען. אויפן דאָזיקן געביט האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די הירסט־פּרעסע און דער ניו־יאָרקער „דיילי ניוס", וואָס איז די אַמערסטן פאַרשפּרייטע טאָגצייטונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דעם 16־טן דעצעמבער 1938 האָט דער „דיילי ניוס" געשריבן, אַז די קאָנסטיטוציע פון לאַנד „פאַרבאָט נישט די אַמעריקאַנער פיינט צו האָבן אַנדערע אַמעריקאַנער אָדער געוויסע גרופּן פון דער באַפעלקערונג. פיל מענטשן נוצן איצט אויס זייער רעכט צו האַסן די יידן".

פּאַראַלעל דערמיט, האָבן פיל קאָנגרעסלייט און סענאַטאָרן אָפט געהאַלטן גיפטיקע אַנטיסעמיטישע רעדעס אין די וואַשינגטאָנער געזעצגעבערישע הייזער. פיל באַקאַנטע „וויסנשאַפטסלייט", פּראָפעסאָרן, שרייבער און רעאַקציאָנערע קולטור־טוער האָבן אָפן געשטיצט די טעטיקייט פון די אַנטי־יידישע העצער. ערבֿ די פּרעזידענט־וואַלן פון יאָר 1936 האָט אַנטיסעמיטיזם פאַרנומען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אין דער וואַל־קאַמפּאַניע פון רוזוועלטס קעגנער, די רעפּובליקאַנער.

קורץ, אין די 30־ער יאָרן און אין אָנהייב פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט דער אַנטיסעמיטיזם געבושעוועט אין אַמעריקע אויף וואָס די וועלט שטייט. ווען די פאַראייניקטע שטאַטן זענען צום סוף פון יאָר 1941 אַריין אין מלחמה, האָט דער פאַרנעם און די אינטענסיווקייט פון די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע העץ־קאַמפּאַניעס צוליב אַ ריי סיבות עטוואָס פאַרקלענערט.

אַנטי־ייִדישע באַגרענעצונגען און פּראָוואָקאַציעס

אין די לעצטע יאָרן לאָזט זיך באַמערקן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ פֿאַרשטאַרקטער וווּקס פֿון אַנטיסעמיטיזם.

דאָס דריקט זיך קודם־כּל אויס אין דער שטייגנדיקער באַגרענעצונג פֿון אַרבעטס־מעגלעכקייטן פֿאַר ייִדן. צוליב דער איצטיקער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט פֿון די נאָדל־פֿאַכן, באַמיִען זיך אַלץ מער ייִדישע אַרבעטער אַריבערצוּוואַרפֿן אויף אַנדערע פֿאַכן, אָבער אָן דערפֿאָלג. נײַע אַרבעטער אַנגאַזשירט מען הײַנט אין אַמעריקע נאָר אין די גרויסע פֿאַבריקן פֿון קריגס־מאַטעריאַלן, וועלכע געהערן אַלע צו די מעכטיקע טרעסטן, און דאָרט נעמט מען לחלוטין נישט אָן קיין ייִדן.

אין די אַנאָנסן, וואָס אָט די אונטערנעמונגען פֿאַרעפֿנטלעכן אין די צײַטונגען פֿון די אַמעריקאַנער גרויסע שטעט, ווערט אין מערסטנס פֿאַלן באַטאָנט שוואַרץ אויף ווײַס, אַז ייִדן זענען נישט געוווּנטשן. אַפֿילו אין די פֿאַלן, ווען די אַנאָנסן אַנטהאַלטן נישט קיין באַמערקונג פֿון דעם מין, ווערן ייִדישע אַרבעטער אָדער ביוראָ־באַאַמטע אָפּגעפּטרט מיט אַ עפּעס אַ תּירוץ, ווען מען דערוויסט זיך פֿון די פֿרעג־בויגנס, וועלכע זיי האָבן אויסגעפֿילט, אַז זיי זענען ייִדן.

אין ניו־יאָרק, וווּ עס וווינען כמעט אַ העלפֿט פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן, האָבן די פּראָגרעסיווע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שוין מיט פֿיל יאָר צוריק אויסגעקעמפֿט אַ געזעץ, וואָס פֿאַרבאָט אַרבעטסגעבער זיך צו פֿרעגן בײַ אַן אַרבעטער, אָדער אָנגעשטעלטן, וועלכן זיי נעמען אָן צו דער אַרבעט, וועגן זײַן ראַסע, רעליגיע, אָדער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. דאָס דאָזיקע געזעץ ווערט אָבער אויף שריט און טריט פֿאַרגוואַלדיקט דורך די רעאַקציאָנערע טרעסטן און מאָנאָפּאָלן.

אין אָנהייב אַפּריל פֿון יאָר 1953, האָבן אייניקע ניו־יאָרקער צײַטונגען געמאָלדן, אַז לויט ווי עס האָט פֿעסטגעשטעלט דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, האָבן 130 פֿון די גרעסטע אַרבעטס־פֿאַרמיטלונגס־ביוראָס אין ניו־יאָרק טאָג־טעגלעך געבראָכן דאָס דערמאָנטע געזעץ. די דאָזיקע ביוראָס האָבן, אויפֿן

פאַרלאַנג פון רעאַקציאָנערע אַרבעטסגעבער, זיי רעקאָמענדירט אויסשליסלעך ווייסע, פּראָטעסטאַנטישע אַרבעטער, באַאַמטע און טעכניקער.

אַלס רעזולטאַט פון די דיסקרימינאַציעס וואַקסט די נויט פון די יידישע אַרבעטנדיקע, צווישן וועלכע אַרבעטסלאָזיקייט איז איצט מער פאַרשפּרייט ווי צווישן אַנדערע שיכטן פון ווייסע אַרבעטער.

פון יאָר צו יאָר ווערט פאַרקלענערט די צאָל יידישע סטודענטן, וואָס ווערן אַריינגעלאָזט אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן. מערסטנס הויכשולן פאַרלאַנגען איצט פון יעדן, וואָס וויל שטודירן, ער זאָל ביילייגן זיין פאָטאָגראַפיע, און ער זאָל ענטפערן אויף פראַגן, צו וועלכער נאַציאָנאַליטעט, ראַסע און רעליגיע ער און זיינע עלטערן געהערן און צי ער אָדער זיינע עלטערן, האָבן נישט געטוישט ווען עס איז זייער צונאָמען. אַזוי אַרום דערוויסט זיך די פאַרוואַלטונג פון יעדן אוניווערסיטעט, ווער פון די קאַנדידאַטן אויף סטודענטן איז אַ ייד. פון צווישן די יידישע קאַנדידאַטן ווערט זייער אַ קליינע צאָל דאַן אָנגענומען אויף דער הויכשול.

אין יאָר 1937 זענען אויף אַלע אַמעריקאַנער הויכשולן אָנגענומען געוואָרן בלויז 794 יידישע סטודענטן אויפן ערשטן יאָר מעדיצין. אין יאָר 1940 זענען אָנגענומען געוואָרן שוין בלויז 447. נאָכן לעצטן וועלט-קריג איז די צאָל שטודירנדיקע יידן נאָכמער באַגרענעצט געוואָרן.

אויף די קאַטעדרעס פון רעכט, פילאָזאָפיע און שפּראַכן, אין די קונסט-אַקאַדעמיעס און לערער-סעמינאַרן איז דער צוטריט פאַר יידן נאָך מער באַגרענעצט. דער אַמעריקאַנער ליבעראַלער סאָציאָלאָג דאַן וו. דאָדסאָן האָט לעצטנס אין אַ ספּעציעלן שטודיום איבער אָט דער פראַגע איבערגעגעבן, אַז צום ביישפּיל אין קאָלגעיט אוניווערסיטעט ווערן יעדעס יאָר אָנגענומען נאָר 4 אָדער 5 נייע יידישע סטודענטן. די דאָזיקע הויכשול קריגט אָבער יעדעס יאָר אַרום 300 ווענדונגען פון יידישע יונגעלייט. אין באַקאַנטן פּרינסטאָן-אוניווערסיטעט ווערן יעדעס יאָר פון צווישן אַרום 500 יידישע קאַנדידאַטן צוגעלאָזן בלויז 25.

אין דער בראָשור „קוואָטעס“, וואָס דער אַמעריקאַנער פּובליציסט, ד״ר העדי סימרינג האָט אין יאָר 1946 פאַרעפנטלעכט אין לאָס אַנדזשעלעס, ווערט איבערגעגעבן, אַז דער אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פון הויכשולן פון דענטיסטיק קלאָגט זיך כסדר אין זיינע פּובליקאַציעס, אַז סטודענטן פון אויסלענדישער אָפּשטאַמונג ווייזן אַרויס אַ טענדענץ צו שטודירן דענטיסטיק...

קורץ, נישט בלויז וואָס עס קומט אָן יידן אויסערגעוויינלעך שווער צו געפינען שטעלעס אַלס אַרבעטער, ביוראָ-באַאַמטע, אָדער האַנדלס-אָנגעשטעלטע, נאָר דער צוטריט צו די אַזוי גערופענע „פרייע פּראָפעסיעס“ איז פאַר זיי אויך שטאַרק באַגרענעצט. ד״ר סטיפען ס. וויז האָט קורץ פאַר זיין טויט זיך געהאַט אויסגעדריקט:

„לויט ווי איך ווייס, איז די פּראָפעסיע פון רב די איינציקע פּראָפעסיע, צו וועלכער דער צוטריט איז נישט באַגרענעצט פאַר ייִדן“.

אַנטי־ייִדישע באַגרענעצונגען אויפן געביט פון וווינונגען ווערן אויך אַן אַלץ אָפטערע און בולטערע דערשיינונג. די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע פירמעס, וואָס האָבן פיל הייזער אין די שטעט, האָבן איינגעפירט אַ מנהג, אַז ווער עס וויל דינגען אַ וווינונג, מוז אויספילן אַ פאָרמולאַר, אין וועלכן מען פאַרלאַנגט פון אים אינפאָרמאַציעס וועגן זיין רעליגיע און זיין נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. און אין פיל פאַלן באַנוצן די פירמעס כלערליי תירוצים, כדי נישט צו פאַרדינגען קיין וווינונג צו קיין ייִד.

ביים איינגאַנג צו פיל האָטעלן, פּענסיאָנאַטן, קלובן, רעסטאָראַנען און פאַרווייליגונגס־זאַלן אין אַלע עקן פון די פאַראייניקטע שטאַטן הענגט אַ קליין שילדל מיטן וואָרט „רעסטריקטעד“. דאָס דאָזיקע וואָרט באַדייט „באַגרענעצט“. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז צו די אַלע ערטער איז דער צוטריט פריי בלויז פאַר ווייסע פּערזאָנען פון אַנגלאָזאַקסישער אָפּשטאַמונג און פון פּראָטעסטאַנטישן גלויבן.

זינט דעם סוף פון דער לעצטער וועלט־מלחמה זענען אויך באַגייסט געוואָרן די אַנטי־ייִדישע פּאָגראָם־העצעס. אין זומער פון 1945 איז געגרינדעט געוואָרן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע „אַמעריקאַנער אַקציע“, וואָס האָט אַריינגענומען די פאַרביסנסטע עלעמענטן פון אַלע פריערדיקע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס. די „אַמעריקאַנער אַקציע“ דרוקט פיל אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור און אירע פירער העצן כסדר צו אַנטי־ייִדישע אַרויסטרעטונגען.

אין די לעצטע פאַר יאָר פאַרשטאַרקט די רעאַקציע אירע באַמיונגען צו ריכטן קעגן די ייִדישע ארבעטנדיקע די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט פון אַמעריקאַנער פאָלק מיטן יקרות און מיט וואַשינגטאָנס מלחמה־פּאָליטיק. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומט אַלץ אָפטער צו אָפענע אַנטי־ייִדישע איבערפאַלן אין פאַרשידענע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין די לעצטע וואָכן פון יאָר 1951 זענען 2 מאָל פאָרגעקומען באָמבע־אויפרייסן אין דער סינאַגאָגע תפארת ישראל אין דער שטאָט מיאַמי. צום צווייטן מאָל האָבן די פאַשיסטן זיך נישט באַגנוגנט מיטן באָמבע־אויפרייס, נאָר האָבן בשכנות פון דער סינאַגאָגע אויפגעקלעבט אויף די מויערן פּלאַקאַטן, אויף וועלכע עס זענען געווען אָפּגעדרוקט גרויסע האַקנקרייצן און דער פאָלגנדיקער אויפשריפט:

„נידער מיט די נאַחדאַמטע ייִדן און די שמוציקע נעגער. הייל היטלער! אונטערגעשריבן קו־קלוקס־קלען.“

מיט איניקע וואָכן שפּעטער האָבן באָמבעס אויפגעריסן אין סינאַגאָגעס און אויף אַ ייִדישן בית־עולם אין פילאַדעלפיע. אין דער ערשטער העלפט פון יאָר 1952 האָבן ייִדישע רעליגיעזע דערציונגס־אַנשטאַלטן און אַנדערע אינסטיטוציעס אין די שטעט איסטאָן, בראָנקס און ניו־יאָרק באַקומען דראָונגס־בריוו,

אַז זייערע לאָקאַלן וועלן פֿאַרניכטעט ווערן. אין מערץ פֿון יאָר 1952, איז אַ באָמבע געוואָרפֿן געוואָרן קעגן דער הײם פֿון אַ ייִדישן הויזווירט אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס האָט געוואַגט צו פֿאַרדינגען אַ נעגער אַ דירה אויסער די גרענעצן פֿון שוואַרצן געטאָ. אַן ענלעכער פֿאַל איז עטלעכע וואָכן פֿריער פֿאָרגעקומען אין דעטראָיט. די אויספֿירער פֿון אָט די אַלע אַטענטאַטן זענען נישט אַרעסטירט געוואָרן.

די פּאָגראָם־העצע קעגן ייִדן ווירקן אויף באַדייטנדיקע שיכטן פֿון דער איינגעבוירענער אַמעריקאַנער יוגנט, וואָס ווערט בכלל דערצויגן אין גייסט פֿון ראַסיזם און שאָוויניזם. די אַזוי־גערופֿענע „גענגס“, די וואַגאַבונדיסטישע באַנדעס פֿון יוגנטלעכע, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אין כלערליי פֿאַרברעכנס, גראַסירן אין די אָרעמע קוואַרטאַלן פֿון די גרויסע אַמעריקאַנער שטעט און באַפֿאַלן דאָרט אָפֿט ייִדישע און נעגערישע דורכגייער.

אין באָסטאָן האָבן אַזעלכע אויפֿגעהעצטע יוגנטלעכע כוליגאַנעס אין יאַנואַר 1953 דערכאַרדעט אין שפּאָטישן פּאַרק דעם רב יעקב זובער. די אַלאַרמירטע פּאָליציי האָט, ווי געוויינלעך, קיינעם נישט אַרעסטירט, אונטערן אויסרייד, אַז די אויספֿירער פֿון מאָרד זענען איר נישט באַקאַנט.

אין די באַכטאָנער פּאָרשטעט פֿון ניו־מאַן, דאָרטשעסטער און ראָקסבורי ווערן יעדע פּאָר טעג מערדערלעך צעממיתט ייִדישע קינדער. שבת, דעם 7־טן פֿעברואַר 1953 אין אָוונט, זענען 3 ייִדישע קינדער אין עלטער פֿון 12—14 יאָר, אַרטור הורוויטש, סטעפֿאַן בערגער און בנימין לאַדי צעשלאָגן געוואָרן ביז בלוט אויף אַ באָכטאָנער גאַס. די פּאָליציי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אינטערווענירן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די ייִדישע יוגנט פֿון באָסטאָן איז צוגעטראָטן צו שאַפֿן אַ ספּעציעלע זעלבסטשוץ.

די פֿאַשיסטישע פּאָגראָמשטשיקעס טעראָריזירן מיט אַ באַזונדערן אייפֿער די באַוווּסטזיניקע ייִדישע אַרבעטער און די פּראָגרעסיווע אַרבעטער־טוער. דעם 31־טן יולי 1952 זענען פֿאַשיסטן באַפֿאַלן אַ מיטינג אונטערן פֿרייען הימל, וואָס די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אָרגאַניזירט אויפֿן ראָג פֿון דער 7־טער גאַס און דער אַלייע „אַ“ אין ייִדישן קוואַרטאַל אויף דער איסט־סייד פֿון ניו־יאָרק. די אָנפֿאַלער האָבן געשריגן: „הרגעט די ייִדן!“ זיי האָבן צעשלאָגן פֿיל ייִדישע כעגער, פֿרויען און קינדער מיט שווערע שטעקנס, שטיקער ברעטער מיט טשוועקעס און אייזערנע שטאַנגען.

אייניקע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט, האָבן גלייכגילטיקע צוגעקוקט זיך צו די דאָזיקע עקסצעסן. ווען איינער פֿון די צעשלאָגענע, דער צוויכער טוער פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־פּאַרטיי, כאַל טישלער, איז צוגעגאַנגען צו די פּאָליציאַנטן פּראָטעסטירן קעגן זייער האַלטונג, האָבן זיי אים אַרעסטירט. אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט האָט מען טישלערן אויפֿסניי געשלאָגן.

און אַ וואָך אַרום האָט די אַמעריקאַנער אַרבעטער-פּאַרטיי דורכגעפירט אויפן זעלבן אָרט אַ פּראָטעסט-מיטינג קעגן דעם פאַשיסטישן איבערפאַל און קעגן דער ציניזער מיטהילף פון דער פּאָליציי. דאָס מאָל איז דער מיטינג ווי-דער באַפאַלן געוואָרן דורך אַן ערך 50 פאַשיסטן, צווישן וועלכע עס האָבן אוי-סער דייטשע אַמעריקאַנער שלעגערס זיך אויך געפונען פּוילישע אַנדערס-לייט און אוקראַינישע פאַשיסטן, וואָס זענען אין די לעצטע יאָרן געבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע פון די „די-פּי"-לאַגערן אין מערב-דייטשלאַנד.

די פאַשיסטן האָבן געשריגן אין ענגליש, פּויליש און אוקראַיניש: „היטלער איז געווען גערעכט!", „מיר וועלן אייך אַלע אויסשעכטן". זיי האָבן זיך געוואָרפן שלאָגן די פאַרזאַמלטע אָנטיילנעמער פון מיטינג. עס איז געקומען צו אַ שאַרף און בלוטיק געשלעג. אויף דער זייט פון די ייִדישע אַרבעטער זענען אויך אַרויסגעטראָטן פיל פּוילישע, אוקראַינישע און פּאָרטאָריקאַנישע שכנים פון דער אָרעמער געגנט. קעמפנדיק צוזאַמען, האָבן אַזוי אַרום די אַנטי-פאַשיסטן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן געגעבן אַ גוטע לעקציע די פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך קוים באַוויזן צו ראַטעווען מיט גאַנצע ביינער.

היות די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע באַווייזט נישט אַרומ-צוכאַפּן די מאַסן פון אַמעריקאַנער פאָלק, ווענדט אָן די הערשנדיקע רעאַקציע אַלץ נייע פאָרמען פון אַנטי-ייִדישע פּראָוואָקאַציעס.

אין דעצעמבער 1951, ווען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז געווען אויפגע-בראַכט קעגן די קאָרופּציע-סקאַנדאַלן, וואָס זענען דאַן אויפגעדעקט געוואָרן אין די העכסטע שפּיצן פון דער וואַשינגטאָנער רעגירונג, האָט טרומאַנס יוסטיץ-מיניסטער האָוואַרד מאַק-גראַט אין אַן עפנטלעכער רעדע געגעבן אָנצוהערן, אַז אין אַלע די טונקעלע אַפערעס זענען כלומרשט געווען פאַרמישט לויטער ייִדן... די רעאַקציאָנערע צייטונגען איבער גאַנצן לאַנד, אָפּדרוקנדיק די דאָזיקע רעדע, האָבן אין זייערע קאָמענטאַרן שאַרף אַטאַקירט די ייִדן, אויף וועמען זיי האָבן געפּרוּווט וואַרפן די שולד פאַר אַלע מיסבריוכן און נישט-פּאָפּולערע אַקציעס פון דער וואַ-שינגטאָנער רעגירונג.

בעת דער וואַל-קאַמפּאַניע אין יאָר 1952 האָבן פיל רעפּובליקאַנישע אַגי-טאַטאָרן אין אַ סך צייטונגען, וואָס האָבן געשטיצט אייזנהאַוערס קאַנדידאַטור, אַטאַקירנדיק טרומאַנס אַדמיניסטראַציע געליאַרעמט, אַז זי איז „אָנגעפילט מיט ייִדן". דערביי האָט מען זיך באַמיט צו וואַרפן אויף די ייִדן בכלל די פאַראַנט-וואָרטלעכקייט פאַר אַלע מפלות, וואָס די אַמעריקאַנער אינערן און אויסערן-פּאָליטיק האָט געליטן אין די לעצטע יאָרן.

די גרעסטע פון אַלע לעצטע אַנטיסעמיטישע פּראָוואָקאַציעס איז בלי ספק דער פאַל פון ראָזענבערג-פּאַרפּאָלק. די לייענער קאָנען געוויס די פּרטים פון אָט

דער געשיכטע, וואָס איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פּרעסע. מיר וועלן דעריבער בלויז בקיצור זיך אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער פּראַגע.

מיט דער הילף פון אַ פאַלשן עדות האָט די אַמעריקאַנער רעאַקציע אינ־סצעניזירט אַ פּראָצעס קעגן יוליוס און עטל ראָזענבערג, ניו־יאָרקער פּראָג־רעסיווע טוער און שלום־קעמפער, וועמען זי האָט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד. אויסער די דערקלערונגען פון פאַלשן עדות, דער גרינ־גלאַס, וועלכע זענען אפילו דורך פיל בורזשואַזע יוריסטן און וויסנשאַפטלעכע זאַכקענער (צוו. אַנד. דורך אַלבערט איינשטיין) אָנערקענט געוואָרן אַלס לעכער־לעכע און פאַנטאַסטישע, האָט די וואַשינגטאָנער רעגירונג נישט געקאָנט געפינען קיין איין זאַכלעכן באַווייז קעגן די ראָזענבערגס. נישט געקוקט דערויף, האָט דאָס רעאַקציאָנערע געריכט אין דינסט פון וואָל־סטריט אין יאָר 1951 פאַרמשפּט דאָס יידישע פּאָרפאָלק צום טויט. אין יאָר 1952, האָט דאָס אַפּעלאַציע־געריכט באַשטעטיקט דעם שענדלעכן אורטייל.

די פאָדערונג פון די פאַרטיידיקער, אַז דאָס געריכט זאָל איבערנעמען באַ־טראַכטן דעם ענין, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן. פּרעזידענט אייזענהאַוער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַגנעדיקן די ראָזענבערגס. די דאַטע פון דער עקזעקוציע איז שוין געהאַט באַשטימט געוואָרן. אונטערן דרוק פון דער מעכטיקער פּראָטעסט־כוואַ־ליע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דער גאַנצער וועלט האָבן די הענקער אַ געוויסע צייט זיך אָפּגעהאַלטן פון אויספירן דעם אורטייל.

די רעאַקציאָנערע אַמעריקאַנער פּרעסע און דער ראַדיאָ האָבן אין צוזאַמענ־האַנג מיטן ראָזענבערג־פאַל פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ ווילדע העץ־קאַמפּאַניע קעגן די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, קעגן דער שלום־באַוועגונג און קעגן יידן. כדי צו באַפעסטיקן די טייוולאָנישע בלבולים קעגן די אַמעריקאַנער שלום־קעמפער, האָבן פאָרשטייער פון דער וואַשינגטאָן־רעגירונג פיל מאָל זיך געוואָנדן צו די ראָזענבערגס און זיי פאַרזיכערט, אַז מען וועט זיי שענקען דאָס לעבן, אויב זיי וועלן אונטערשרייבן, אַז זיי „זענען זיך מודה“ און אויב זיי וועלן אויך באַצייכע־נען אַלס כלומרשטע שפּיאָנען אַ ריי קאָמוניסטישע פירער. דאָס ערלעכע פּאָר־פאָלק האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו שפּילן אַזאַ נידערטרעכטיקע ראָל פון פּראָוואָקאַטאָרן.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ביז דער לעצטער מינוט פאַרפאָלגט די ראָ־זענבערגס מיט כסדרדיקע פאָרשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך אַנטשליסן צוזאַמענצואַר־בעטן מיט דער פּאָליטישער פּאָליציי. מען האָט באַוויזן עטל ראָזענבערגס מו־טער, זי זאָל זיך באַמיען צוצורעדן די טאָכטער צו אַזאַ מיטאַרבעט. מען האָט אין די טויט־קאַמערן פון די פאַרמשפּטע אינסטאַלירט ספּעציעלע טעלעפאָנען, דורך וועלכע פירנדיקע באַאַמטע פון יוסטיץ־מיניסטעריום האָבן אָפּט געקלונגען

און אַרויסגערוקט ענלעכע פאָרשלאָגן. דער קאָלאָסאַלער דרוק האָט אָבער נישט באַוויזן צו ברעכן דעם גייסט פון די ערלעכע און אומדערשראָקענע שלום־קעמפער.

די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט האָט באַוואונדערט די האַלטונג פון העלדישן פּאָרפאָלק און האָט מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אַרום דעם ראָזענבערג־פאַל. מיט דער סימפּאַטיע־באַוועגונג פאַר די פאַרמשפּטע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן הונדערטער מיליאָנען מענטשן. אָבער נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון דער גאַנצער וועלט, האָבן די הערשער פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין 20־טן יוני 1953, קאַלטבלוטיק דערמאָרדעט די צוויי אומשולדיקע מענטשן.

דער מאָרד פון די ראָזענבערגס האָט געדאַרפט אָפּשרעקן אַלע ערלעכע אַמעריקאַנער, וואָס ווילן קעמפן פאַר שלום און פאַרווירקלעכער דעמאָקראַטיע אין זייער לאַנד. דער מאָרד פון די ראָזענבערגס און דער בלבול קעגן זיי זענען אַ טייל פון דער אומגעהויערער קאַמפּאַניע פון פאַרברעכערישע פּראָוואָקאַציעס, מיט דער הילף פון וועלכע די וואָל־סטריט מיליאַרדערן ווילן פאַרטומלען די מוחות פון די אַמעריקאַנישע פאָלקס־מאַסן און זיי צוגרייטן פּסיכאָלאָגיש צו אַ נייער וועלט־מלחמה און צו פאַשיזם. דערביי איז אַנטיסעמיטיזם היינט אין אַמעריקע — ענלעך ווי אַמאָל אין נאַצי־דייטשלאַנד — אַ וויכטיק געווער אין אַרסענאַל פון די אידעאָלאָגן פון פאַשיזם און מלחמה. אויב די מלחמה־אונטערצינדער האָבן אין פאַל פון די ראָזענבערגס, אַלזאָ, אויסגעקליבן אלס קרבנות פון זייער פּראָוואָקאַציע גראָד צוויי יידן, איז עס פּשוט דערפאַר, וואָס זיי האָבן ביי דער זעלבער געלעגנהייט געשטרעבט צו שאַפן אַ באָדן פאַר צעפלאַקערן אַ פּאָגראָם־שטימונג נישט בלויז קעגן די אמעריקאַנער שלום־באַוועגונג, נאָר אויך קעגן די יידישע ארבעטנדיקע מאסן.

דער מאָרד פון די ראָזענבערגס האָט אָבער גלייכצייטיק געהאָלפן פיל מענטשן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועלכע האָבן ביז איצט געהאַט די איליוזיעס וועגן דער „דעמאָקראַטישקייט" פון אַמעריקאַנער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן סיסטעם, צו דערזען דעם תוך פון שטאַרק רעקלאַמירטן „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער". דאָס באַוועגט איצט פיל פון זיי אָנצושליסן זיך אין די רייען פון די שלום־קעמפער.

ייִדישע מאָנאָפּאָליסטן פירן דורך אַ דיווערסיע

פון די לעצטע קאַפּיטלען דרינגט קלאָר אַרויס, אַז אַנטי־ייִדישע באַוועגונגען און אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־העצעס זענען אַן אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון „אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער" און אַז זיי באַגלייטן כּסדר דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די אַמעריקאַנער ייִדן. ספּעציעל אין קריטישע מאָמענטן, ווען דער אימפּעריאַליזם באַנוצט זיך צו דערציִען דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער אין גייסט פון פאַשיזם, כּדי אים פּסיכאָלאָגיש צוצוגרייטן צו אַ נייער וועלט־שחיטה, ווערט די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אַלץ חוצפּהדיקער און איבערפאַלן קעגן ייִדן ווערן אַן אַלץ אָפטערע דערשיינונג. עס אונטערליגט אויך נישט קיין שום צווייפל, אַז די געפאַר פון אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור אין די פאַראייניקטע שטאַטן באַדראָט אין דער העכסטער מדרגה די אינטערעסן און די סאַמע עקזיסטענץ פון די ייִדישע מאַסן אין דאָזיקן לאַנד.

ווי רעאַגירט אויף אָט דער לאַגע די בירגערלעכע ייִדישע פּרעסע? וואָס פאַר אַ שטעלונג נעמען אָן די בורזשואַזע אָרגאַניזאַציעס אין אַנבליק פון דער גרויסער געפאַר, וואָס דראָט די מיליאָנען ייִדישע פאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע?

מען דאַרף פעסטשטעלן, אַז די בורזשואַזע ייִדישע צייטונגען פאַרשווייגן און אַלגעמיין אַלע מעגלעכע אויסברוכן פון וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד פון דאָלאַר. פאַלן פון זייער בולטע און אַלגעמיין באַקאַנטע אַנטי־ייִדישע אַרויסטרעטונגען, וועלכע מען קאָן נישט פאַרשווייגן, פאַרעפנטלעכן די בירגערלעכע ייִדישע צייטונגען אין ווייניק באַמערקבאַרע ערטער. דערביי באַהאַנדלען זיי אַזעלכע פאַלן אַלס בלויז צופעליקע אינצידענטן, וועלכע האָבן אַזוי צו זאָגן נישט קיין שום שייכות מיטן אַלגעמיינעם גאַנג פון די געשעענישן. איבערבלעטערנדיק די זייטן פון „פאָרווערטס", פון „טאָג"־מאָרגן־זשורנאַל" און פון די פאַרשידענע רעאַקציאָנערע ייִדישע צייטשריפטן און דער ייִדישער און ענגלישער שפּראַך, שטוינט מען ווי חוצפּהדיק, ווי אומפאַרשעמט זיי פאַראַטן די עלעמענטאַרסטע אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער ייִדישע פאָלקס־מאַסן.

די דערמאָנטע רעאַקציאָנערע צייטונגען באַמיען זיך מיט אַלע מיטלען אָפּצווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די יידישע לייענער פון זייערע וויכטיקסטע לעבנס-אינטערעסן. זיי באַמיען זיך פאַר יעדן פרייז אָפּצוהאַלטן די יידישע אַרבעטנדיקע פון קאַמף קעגן די שרעקלעכע עוולות, פון וועלכע זיי ליידן און קעגן די אומגעהויערע געפאַרן, וואָס הענגען איבער זייערע קעפּ.

פרווונדיק פאַרמאַסקירן די טרויעריקע ווירקלעכקייט, שטעלט פאַר די רעאַקציאָנערע יידישע פרעסע דאָס אַמעריקאַנער לעבן אין ראָזע פאַרבן. אין אַט די אַלע צייטונגען געפינט איר נישט קיין וואָרט וועגן עקספּלאָאַטאַציע, וועגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון פיל פעלקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועגן ראַסן-האַס. די פאַרביסנסטע פאַשיסטן, פרעדיקער פון ראַסן-טעאָריעס און יידן-פרעסער דערשיינען אויף די שפּאַלטן פון די יידישע געלע צייטונגען אַלס כלומרשט איבערגעגעבענע דעמאָקראַטן, אַלס מענטשן מיט איידעלע כאַראַקטערן, וואָס זענען זיך אַזוי-צו-זאָגן ממש מקריב פאַרן וווילזיין פון דער מענטשהייט... צוגלייך מיט אַלע אַמעריקאַנער פאַרקויפטע צייטונגען האָט זיך אויך די יידישע בולוואַר-פרעסע געפרייט דערמיט, וואָס אַמעריקאַנער פּילאָטן פאַרניכטן קאָרעאַנישע שטעט און דערפער, וואָס זיי דערמאָרדן אַזוי פיל פרידלעכע קאָרעאַנישע פרויען און קינדער. צוזאַמען מיט אַלע אָרגאַנען פון דער וואָל-סטריט פּראָפּאַגאַנדע, באַקלאָגן זיך אויך די יידישע רעאַקציאָנערע צייטונגען אויף די גרויסע דערפאָלגן פון דער סאָוועטישער שלום-אָפענסיווע...

מיט איין וואָרט, אַזוי ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך. די יידישע בורזשואַזע פרעסע איז דורכויס ענלעך צו דער אַלגעמיינער פאַרקויפטער, בלאָפּעיישער און פּראָפאַשיסטישער אַמעריקאַנער פרעסע, פון וועלכער זי איז אַ טייל. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די יידישע גרויס-בורזשואַזיע, וועלכע פינאַנסירט און קאָנטראָלירט די יידישע רעאַקציאָנערע פרעסע, איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָל-קאַפּיטאַל, וועלכער איז היינט צו טאָג דער גרעסטער שונא פון דער מענטשהייט.

די קאָלאָסאַלע פּראָפיטן, וועלכע די יידישע וואָל-סטריט באַנקירן און אינדוסטריעלע מאַגנאַטן זאַמלען אָן, אַדאַנק וואַשינגטאָנס אַוואַנטוריסטישער קריגס-פּאָליטיק און דער פאַשיזאַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, איז פאַר זיי פערזענלעך טויזנט מאָל וויכטיקער, ווי די לעבנס-אינטערעסן פון די יידישע אַרבעטנדיקע, צו וועמען זיי באַציִען זיך מיט ביטול און שנאה. פון די אומגעהויערע אוצרות, וואָס אַט די מאָדערנע יידישע קורחס פרעסן אַרויס פון שווייס פון אַרבעטער, פון דעם שווינדל און מלחמות, וואַרפן זיי צו שיריים פאַר די יידישע רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער און טוער מכל המינים — פאַר די ציוניסטישע פירער, פאַר די יידישע רעכטע סאָציאַלדעמאָקראַטן און טראָצקיסטן, פאַר די קאָרומפּירטע רעאַקציאָנערע באָנצן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט אַ גרויסער יידישער מיטגלידערשאַפט, ווי פאַר די אַרויסגעבער און רעדאַקטאָרן פון די געלע

יידישע צייטונגען. אַזוי אַרום האָבן זיי פאַרוואַנדלט די אינסטיטוציעס און אָרגאַנען פון דער יידישער רעאַקציע, די אָרגאַניזאַציעס פון יידישע נאַציאָנאַליסטן פון כלערליי שאַטירונגען, אַלע גרופּן פון יידישע קאָמוניסטן־פרעסער און שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד אין דירעקטע אַגענטורן פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, אין געטרייע אויספירער פון די באַפעלן פון די מלחמה־אונטערצינדער.

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די שליחים פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן אין אויסלאַנד ווייזן זיך געוויינלעך אַרויס אַלס פּשוטע אַמעריקאַנער שפּיאָנען. דערפאַר ווערט די מלוכה ישראל אונטערן דירעקטן איינפלוס פון די אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער פאַרוואַנדלט אין וואַשינגטאָנס אַ מלחמה־באַזע און די ישראל־דיפּלאָמאַטיע — אין אַ פיליע פון אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט. דערפאַר שלאָגט דער „פאָרווערטס" אַפילו די רעקאָרדן פון דער הירסט־פּרעסע אין הינזיכט פון וואַרפן שמוץ אויפן ראַטנפאַרבאַנד און אין פאַרשפּרייטן האַס קעגן די קאָמוניסטן און די שלום־קעמפער. דערפאַר אָרדנט איין דער אַזוי־גערופענער „יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט" פייערלעכע אויפנאַמעס פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערן, פּאָגראָמשטשיקעס און מלחמה־פאַרברעכער, ווי דעניקין, אַנדערס, גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי און אַנדערע. דערפאַר האָט דער פאַרברענטער אַנטי־קאָמוניסט כאַנין נאָך בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט אַליין העלדיש געקעמפט קעגן די היטלערישע כוחות, געשריבן, אַז צום סוף פון דער מלחמה וועט מען דאַרפן „צעשיכן" דעם ראַטנפאַרבאַנד... און ערשט לעצטנס, אין מיטן פון פעברואַר 1953 האָט דער פאָרזיצער פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, ראַבאַי ישראל גאָלדשטיין אויף דער פייערלעכער דערעפענונג פון דער אַזוי־גערופענער „וואָך פון ברודערשאַפט" דערלאַנגט אַ ספּעציעלן פּרעזענט און פיל לויב־געזאַנגען דעם געוועזענעם אַמעריקאַנער הויך־קאָמיסאַר אין מערב־דייטשלאַנד, דזשאָן מאַקקלאָי. ווי באַקאַנט, האָט מאַקקלאָי בשעתו באַגנעדיקט און אַרויסגעלאָזט פון תפיסה אילזע קאָך, די צויג פון בוכענוואַלד.

צוגלייך מיטן גאַנצן לאַגער פון די מלחמה־אונטערצינדער העצט אויך די יידישע בורזשואַזיע און אַלע אירע אָרגאַנען צו אַ נייער וועלט־מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די לענדער פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע. די דאָזיקע גיפטיקע אַגיטאַציע געפינט אָבער זייער אַ שוואַכן אָפּקלאַנג צווישן די יידישע מאַסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווייל אַפילו צוריקגעשטאַנענע יידישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע ווייסן נישט, וואָס סאָציאַליזם באַדייט און וואָס גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג דערפון, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די אויסנוצונג פון איין מענטש דורך אַ צווייטן, ווייסן וויניקסטנס, אַז דאָרט איז אָפּגעשאַפן געוואָרן יעטוועדע פאָרם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג.

די פּשוטע אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס ווייסן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די לענדער פון פאָלקס־דעמאָקראַטיע געניסן די יידן

פֿון ווירקלעכער און פֿולקאָמער גלייכבארעכטיקונג, אַז יעדער פּרוּוו צו פֿאַרשפּרייטן ראַסן־האַס אָדער אַנטיסעמיטיזם ווערט דאָ באַטראַכט אַלס אַ שווער פֿאַרברעכן און ווערט שאַרף באַשטראָפֿט. די אַמעריקאַנער יידישע עפֿנטלעכקייט ווייסט אויך, אַז פֿאַר יידן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און פֿון די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע מלוכות שטייען אָפֿן אַלע טויערן צו בילדונג, צו אַלע פֿאַכן און פּראָפֿעסיעס, צו די העכסטע קוואַליפֿיקאַציעס און אַז אין אַט די אַלע לענדער זענען יידן שעפֿעריש אויפֿן געביט פֿון וויסנשאַפֿט, קולטור און קונסט. צוליב אַט דעם אַלעמען פֿילן די יידישע פֿאָלקס־מענטשן אין אַמעריקע — ווי אין אַלע אַנדערע לענדער — אַ טיפֿע סימפּאַטיע צום סאָוועטן־פֿאַרבאַנד און צו די לענדער פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע, צום לאַגער פֿון סאָציאַליזם.

מיטן צוועק אָפּצושוואַכן אַט די סימפּאַטיע פֿון די הערצער פֿון די אַרבעטנדיקע יידישע פֿאָלקס־מאַסן און כדי זיי אָנצושטעקן מיט אַנטיסאָוועטישן סם, האָט די אַמעריקאַנער יידישע בורזשואַזיע דורכגעפֿירט אין די לעצטע יאָרן אַ גרויסע דיווערסיע. די פּרטים פֿון אַט דער דיווערסיע זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין אַ סעריע פֿון אַרטיקלען, וועלכע דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט טאָם אָקאָנאָר האָט אין מײַ 1949 פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ליבעראַלער ניו־יאָרקער צײַטונג „דײלי קאָמפּאַס“.

לויט ווי אַט דער זשורנאַליסט גיט איבער, איז דעם 10־טן און 11־טן מײַ פֿון יאָר 1947 פֿאָרגעקומען אַ באַראַטונג פֿון לאַנד־עקזעקוטיוו פֿון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, וועלכער רעפּרעזענטירט די קאַרפּן־קעפּ פֿון דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. צווישן די אָנטיילנעמער פֿון דער באַראַטונג איז שפּעטער פֿאַרטיילט געוואָרן אַ געהיימער מעמאָראַנדום, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי „צו באַקעמפֿן די פּרוּוון... צו אידענטיפֿיצירן יידן מיט קאָמוניסטן“ און צו דערפֿירן דערצו, אַז די יידישע מאַסן זאָלן ענדערן זייער געפֿילישע באַציונג צום ראַטנפֿאַרבאַנד און צו די לענדער פֿון פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע. דער טעקסט פֿון געהיימען מעמאָראַנדום, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אָקאָנאָרס אַרטיקלען, איז קיינמאָל נישט אָפּגעלייקנט געוואָרן דורך דער לייטונג פֿון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט: עס איז אַלזאָ נישט פֿאַראַן קיין מינדסטער צווייפֿל, אַז דער דאָזיקער טעקסט איז אַן אויטענטישער.

אין דערמאָנטן מעמאָראַנדום האָבן די פֿירער פֿון אַמעריקאַנישן יידישן קאָמיטעט אויסגעדריקט זייער אומצופֿרידנקייט דערמיט, וואָס זייער פֿיל אַמעריקאַנער יידן „ווערן באַאײַנפֿלוסט דורך דער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע עס פֿאַרשפּרייטן אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, אַז דער סאָוועטישער רעזשים האָט ליקווידירט דעם אַנטיסעמיטיזם און האָט פֿאַרבעסערט דאָס לעבן פֿון די יידן... דאָס האָט דערפֿירט דערצו — זאָגט פֿאַר דער געהיימער מעמאָראַנדום — אַז אַפֿילו אַ סך יידן, וואָס זענען געשטימט קעגנעריש צום קאָמוניזם, האַלטן זיך אָפּ פֿון אַרויסצוזאָגן זיך קעגן קאָמוניזם“.

דער געהיימער מעמאָראַנדום פֿון די יידישע וואָל־סטריט מאָנאָפּאָליסטן פֿאַרלאַנגט ווייטער, אַז עס זאָלן צווישן די 5 מיליאָן אַמעריקאַנער יידן פֿאַרשפּרייט ווערן ידיעות, וועלכע זאָלן פֿאַרשטעלן „דאָס יידישע לעבן אין די לענדער הינטער דעם אייזערנעם פֿאָרהאַנג“ אין אַזאַ ליכט, וואָס זאָל זיין אומגינסטיק פֿאַר אָט די לענדער פֿון שלום־לאַגער. דער מעמאָראַנדום שטעלט אָבער פֿעסט, אַז עס פֿילט זיך אַ מאַנגל אין אַזאַ מאַטעריאַל און ער מעלדעט, אַז דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שאַפֿן אַ קערפּערשאַפֿט, וואָס זאָל זיך ספּעציאַליזירן אין צושטעלן אַזעלכע מאַטעריאַלן.

לויטן אייפֿטראַג פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער בורזשואַזיע עקזיסטירט שוין אַלזאָ זינט איניקע יאָר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַ ספּעציעלע קערפּערשאַפֿט, וואָס ליפֿערט אָן אויפֿהער פֿאַלשע ידיעות און אויסגעטראַכטע שמוציקע בלבולים וועגן כלומרשטע פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון יידן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע. די פּראָדוקציע פֿון אַזעלכע רכילות איז ספּעציעל פֿאַרשטאַרקט געוואָרן זינט דעם פּראָצעס קעגן סלאַנסקין אין טשעכאָסלאָוואַקיע, ווען די גאַנצע וועלט האָט זיך דערוווּסט, אַז ציוניסטן און ישראל־דיפּלאָמאַטן אין די לענדער פֿון דער פֿאָלקס־דעמאָקראַטיע אַרבעטן לטובת דעם אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש־דינסט.

די פֿאַנטאַסטישע בלאָפֿעריי וועגן כלומרשטע רדיפֿות קעגן יידן אין די לענדער פֿון שלום־לאַגער ווערט היינט פֿאַרשפּרייט נישט נאָר אין דער יידישער רעאַקציאָנערער פּרעסע. זי איז איצט אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער גאַנצער אַמעריקאַנער רעאַקציע. מיט איר הילף באַמיט זיך דער אימפּעריאַליזם איינצורעדן די נעגער, די מעקסיקאַנער, די יידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וועלכע ער פֿאַרשקלאַפֿט, אַז איינגענטלעך „גייט זיי גאָרנישט אַזוי שלעכט“ און אַז ווירקלעכע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג עקזיסטירט גאָר אין... ראַטנפֿאַרבאַנד, צי אין פֿאָלקס־פּוילן...

ווי מיר זעען, באַנוצט זיך נישט די אַמעריקאַנער פֿינאַנץ־אָליגאַרכיע דערמיט, וואָס זי עקספּלאָאַטירט און אונטערדריקט די ראַסן און פֿעלקער, וועלכע זי באַצייכנט אַלס „נידעריקערע“ און „מינדערוועריקערע“. זי באַמיט זיך אויך פֿאַר יעדן פּרייז גייסטיק צו פֿאַרשקלאַפֿן די דאָזיקע פֿעלקער, זיי אָפּצונאַרן און צו באַהערשן זייער פּסיכיק, כדי זיי אויסצונוצן צום קאַמף קעגן די פֿרייע פֿעלקער פֿון לאַגער פֿון שלום, פֿרייהייט און סאָציאַליזם.

דער קאַמף פון נעגערישן פאָלק

דער רעזשים פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און טעראָר, וועלכן דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם ווענדט אָן קעגן די מיליאָנען מאַסן נעגער, מעקסיקאַנער, יידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, רופט אַרויס אַ וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד מצד אָט די מאַסן. דער העראָיקער ווידערשטאַנד, וועלכער נעמט אָן פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען, ווערט אַקטיוו אונטערגעשטיצט דורך אַלץ ברייטערע שיכטן פון אַמעריקאַנער פאָלק.

די פאָרגעשריטענע אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַרשטייען די ריכטיקייט פון דער מאַרקסיסטישער טעזע, אַז אַ פאָלק, וואָס אונטערדריקט אַנדערע פעלקער, קאָן אַליין נישט זיין פריי. זיי העלפן מיט אַלע כוחות דעם באַפרייונגס־קאַמף פון די אַמעריקאַנער נעגער און דעם קאַמף פאַר גלייכע רעכט, וועלכע עס פירן אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַרשטייען אויך, אַז אין טיכאַנישן קאַמף, וועלכע זיי פירן קעגן די וואָל־סטריט פּאָטענטאַטן, פאַר אַ בעסערן מאָרגן, פאַר שלום און ווירקלעכער דעמאָקראַטיע, קאָנען זיי דערגרייכן אַנטשיידנדיקע דערפאָלגן נאָר אויב זיי וועלן באַווייזן מיטצורייסן צום קאַמף זייערע נאַטירלעכע פאַרבינדעטע. און די נאַטירלעכע פאַרבינדעטע פון אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, דאָס זענען די רואינירטע פאַרמערס און די טאָפּלט אויסגענוצטע און אונטערגעדריקטע מינדערהייטן.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, וואָס געפינען זיך אין אַוואַנגאַרד פון אַלע פּראָגרעסיווע קעמפער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פירן אַ העראָאישן און אומערמידלעכן קאַמף קעגן אַלע אויסדרוקן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, קעגן דער רעאַקציע און די מלחמה־אונטערצינדער, פאַר שלום, פרייהייט און דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע איינוווינער פון לאַנד. זינט איר אַנטשטייונג, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן ענערגיש פאַרטיידיקט די אינטערעסן און די רעכט פון די אונטערדריקטע מינדערהייטן.

אַ באַזונדערס פֿאַרעקשנטן קאַמף מוזן די קאָמוניסטן פֿירן קעגן די רעאַקציאָנערע באַנדן פֿון די רעפֿאָרמיסטישע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען און די רעכטע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פֿירער, וועלכע האָבן פֿאַרשפּאַרט פֿאַר נעגער און מעקסיקאַנער דעם צוטריט צו הונדערטער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. עס זענען אויך פֿאַראַן פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, וואָס נעמען נישט אָן אַלס מיטגלידער קיין ייִדן און קיין אייננוואַנדערער. דער ראַזיקער שאָוויניסטישער איינשטעלונג, שטעלן די קאָמוניסטן אַנטקעגן זייער קעמפֿערישן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם.

און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס פֿון גאַנצן לאַנד קעמפֿן בריידערלעך צוזאַמען ווייסע און נעגער, געבוירענע אַמעריקאַנער און איינגעוואַנדערטע, פּאָליאַקן, ייִדן, איטאַליענער און מעקסיקאַנער. צווישן די מיטגלידער פֿון צענטראַל-קאָמיטעט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס ווערן איצט פֿאַרפֿאָלגט דורך די פֿאַשיזירנדיקע געריכטס-אָרגאַנען, אָדער וואָס זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון פֿאַשיסטישן סמיט-געזעץ, געפֿינען זיך מענטשן פֿון פֿאַרשידענער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. צווישן זיי געפֿינען מיר די באַקאַנטע קאָמוניסטישע טוער, די נעגער בענדזשאַמין דעיוויס, הענרי ווינסטאָן, פּעטיס פּערי, קלאָדיאַ דזשאָנס. די ייִדן דזשאָן געיט, ערווינג פּאָטאַש, לואיס וויינסטאָן, אַלעקסאַנדער ביטלמאַן אאַוו.

אין די לינקע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען, ווו די מיטגלידערשאַפֿט האָט אַרויסגערוקט קאָמוניסטן אין דער אָנפֿירונג, ווי אין אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס — פּאָליטישע, געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע — הערשט דער זעלבער גייסט פֿון פֿאַרברידערונג צווישן אַלע פֿעלקער און ראַסן, וואָס בילדן די אַמעריקאַנער נאַציע. אין די פֿאַרוואַלטונגען פֿון אָט די אַלע אָרגאַניזאַציעס שפּילן אַן אָנגעזעענע ראָל נעגער און ייִדן, פּאָרטאָריקאַנער און פֿיליפּינער, אַמעריקאַנער פֿון כּלערליי הויט-קאָלירן, נאַציאָנאַליטעטן און גלויבנס, וועמען עס פֿאַראייניקט דער האַס קעגן שותּפֿותדיקן שׂונא, דעם אימפּעריאַליזם און די געמיינזאַמע שטרעבונג פֿון שלום, פֿרייהייט און ווירקלעכע דעמאָקראַטיע.

* * *

זינט עטלעכע יאָר אַנטוויקלט זיך אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַלץ מעכטיקער דער קאַמף פֿון נעגערישן פֿאָלק קעגן זיינע אונטערדריקער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן האָט שוין אין יאָר 1928 צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט די טעזע, אַז די אַמעריקאַנער נעגער בילדן אַ נאַציע, וואָס קעמפֿט פֿאַר איר נאַציאָנאַלער באַפֿרייונג. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן קאָמוניסטישע טוער אין זייערע ווערק וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעט דעם געדאַנק, אַז אין שוואַרצן גאַרטל, ווו די נעגער בילדן אַ מערהייט פֿון דער

באַפעלקערונג, רינט זיי לויט אַלע כללים פון דעמאָקראַטיע דאָס רעכט פון זעלבסטבאַשטימונג, אַפילו ביז צום אָפּרייסן זיך פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דאָזיקע שטעלונג פון די קאָמוניסטן האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן די ברייטע נעגערישע מאַסן. זי האָט פאַרשטאַרקט זייער נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און האָט דערפירט צו דער אָפּשוואַכונג פון די איינפלוסן פון די נעגערישע רעפאָרמיסטן, וואָס ראַטן די נעגערישע אַרבעטנדיקע געדולדיק צו וואַרטן ביז די הערשער פון לאַנד וועלן אַרויסווייזן צו זיי אַ מילדערע באַציִונג.

דעם ערשטן מערץ 1953 האָט דער קאָמיטעט פון דרום-באַצירק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרעפנטלעכט אַ מינימום-פּראָגראַם פאַר דער באַפעלקערונג פון די דרומדיקע שטאַטן. דער דאָזיקער פּראָגראַם רופט די ווייסע און נעגערישע איינוווינער פון דרום צו קעמפן צוזאַמען פאַר דער אָפּשאַפונג פון די שקלאַפערישע פּלאַנטאַציעס און פאַר אַ טיפער אַגראַר-רעפאָרם, וואָס זאָל געבן די ערד די איצטיקע אַרענדאַרן און לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, ווייסע און נעגער. דער פּראָגראַם רופט אויך די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דרום צו קעמפן פאַר וואַל-רעכט פאַר די נעגער און פאַר דער אָפּשאַפונג פון אַלע ראַסן-געזעצן און דיסקרימינאַציעס, וואָס גילטן איצט אין אַלע געביטן פון ווירטשאַפטלעכן, פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די דרומדיקע שטאַטן. דער פּראָגראַם רופט צום סוף צום קאַמף פאַר דער ליקווידאַציע פון קו-קלוקס-קלאַן און פון אַנדערע פאַשיסטישע באַנדעס, ווי פאַר דער איינפירונג פון אַ געזעץ, אויפן סמך פון וועלכן אָנטיילנעמער אין לינטש-אַטענטאַטן זאָלן קריגן טויט-שטראָף.

אַלץ ברייטערע מאַסן פון נעגערישע אַרבעטנדיקע אין דרום, ווי אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד, שטייען צו צום קאַמף אונטער די לאָזונגען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַלס רעזולטאַט פון אָט דער וואַקסנדיקער קאַמפס-אַקטיוויטעט פון נעגערישן פאָלק און אונטערן דרוק פון שאַרפע פּראָטעסטן קעגן דער אַמעריקאַנער ראַסן-פּאָליטיק, וואָס לאָזן זיך איצט הערן אין אַלע עקן פון דער וועלט, מוזן די פאַרשקלאַפער פון די נעגער זינט אַ פּאָר יאָר נאָכגעבן געוויסע פאָדערונגען.

דאָס באַמערקט זיך קודם-כל אויפן געביט פון קאַמף פאַר וואַל-רעכט פאַר נעגער. אין שטאַט אַלאַבאַמאַ, צ. ב. האָבן 40 טויזנט שוואַרצע דעראָבערט וואַל-רעכט אין די לעצטע פּאָר יאָר. אין אינדוסטריעלן צענטער פון בירמינגהאַם, אין זעלבן שטאַט, האָבן אין יאָר 1952 צום ערשטן מאָל 3500 נעגערישע שטאָל-אַרבעטער אָנטיילגענומען אין די וואַלן. אין אַטלאַנטאַ, אין שטאַט פון געאָרגיע, האָבן 18 טויזנט שוואַרצע איינוווינער לעצטנס געווּנען וואַל-רעכט און אין ניו-אָרלעאַנס — 26 טויזנט פּערזאָן.

די דאָזיקע באַשיידענע דערגרייכונגען זענען קוים אַן אָנהייב. די צאָל נעגערישע וויילער איז דערווייל נאָך זייער אַ קליינע. אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע

געגעבן פֿון די פּלאַנטאַציעס, וווּ דער רובֿ פֿון די איינוווינער זענען נעגער, ווענדט די רעאַקציע אָן גרויזאַמע טעראָר־מיטלען, כּדי נישט צוצולאָזן צו די אורנעס אַפֿילו קיין איין נעגער. עס איז אָבער אויסער יעדן צווייפֿל, אַז די דערגרייכונגען פֿון די באַוווּסטזיניקערע און בעסער אָרגאַניזירטע נעגעריישע אַרבעטער וועלן אויך מיטרייסן די שוואַרצע אַרענדאַרן און פּויערים צום קאַמף פֿאַר זייערע פּאָליטישע רעכט.

די קלאַסן־באַוווּסטזיניקע נעגעריישע אַרבעטער פֿאַרשטייען נאַטירלעך, אַז דער קאַמף פֿאַר וואַל־רעכט איז בלויז אַ טייל פֿון אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף, זיי קעמפֿן דעריבער גלייכצייטיק קעגן פּאָליציי־טעראָר און דער ראַסן־געזעצגעבונג, ווי קעגן ראַסן־דיסקרימינאַציעס אין דער וווינונגס־פֿראַגע, אין בילדונגס־וועזן, ווי אויפֿן געביט פֿון אַרבעט.

אונטער דעם געוואַלדיקן דרוק פֿון קעמפֿנדיקן נעגערישן פֿאָלק האָט דאָס ראַסיסטישע געריכט פֿון טרענטאָן, אין שטאַט ניו־דזשערסי געמוזט דורכפֿירן אין יאָר 1951 אַ נייעם פּראָצעס פֿון 6 אומשולדיקע נעגער, וואָס זענען פֿריער געהאַט פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. 4 פֿון די באַשולדיקטע זענען דאָס מאָל באַפֿרייט געוואָרן, איין נעגער איז דערווייל געשטאָרבן אין תּפֿיסה צוליב דער שלעכטער באַהאַנדלונג, און דער קאַמף פֿאַר באַפֿרייונג פֿון 6־טן קרבן פֿון דער אַמעריקאַנער קלאַסן־יוסטיץ דויערט.

אין יאַנואַר 1953 זענען די געשוווירענע, ווייסע רעאַקציאָנערן אין גרויסן שטאָל־צענטער פֿון פּיטסבורג, אַדאַנק דער דראָענדיקער שטעלונג פֿון מאַסן נעגערישע אַרבעטער פֿאַרן געריכטס־זאַל, געווען געצוווּנגען צו באַפֿרייען דעם נעגער־אַרבעטער טאָמאַס הושאָנס קעגן וועלכן עס איז אַרויסגערוקט געוואָרן אַ פֿאַלשע באַשולדיקונג, אַז ער האָט כּלומרשט פֿאַרגוואַלדיקט אַ ווייסע פֿרוי.

אין פֿאָרסיט, אין שטאַט פֿון געאָרגיע האָבן שטורמישע מאַסן־פּראָטעסטן פֿון דער נעגערישער באַפֿעלקערונג געצוווּנגען דעם פּראָקוראָר בען ט. גאַרלאַנד, ער זאָל בעטן דעם גובערנאַטאָר צו פֿאַרמיישן אויף לעבנסלענגלעכער תּפֿיסה דעם טויט־אורטייל קעגן נעגערישן אַרבעטער וויליאַם אָגלטרי. די באַשולדיקונג האָט געהאַט פֿאַרגעוואָרפֿן אָט דעם נעגער, אַז ער האָט דערהרגעט אַ ווייסן כוליגאַן, וועלכער איז אים באַפֿאַלן. די נעגערישע באַפֿעלקערונג פֿון פֿאָרסיט קעמפֿט איצט פֿאַר דער פֿולקאָמער באַפֿרייונג פֿון אומשולדיק פֿאַרמשפּטן.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פֿאַל פֿון נעגער מאַק אינגראַם פֿון צפֿון־קאַראָלינע. דאָס ראַסן־געריכט פֿון זיין שטאַט האָט אים געהאַט פֿאַרמשפּט אויף 2 יאָר תּפֿיסה דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿון אַ דיסטאַנץ פֿון 23 מעטער געקוקט אויף אַ ווייסע פֿרוי; „וואַרשיינלעך מיט דער כּוונה זי צו פֿאַרגוואַלדיקן". קעגן דאָזיקן שענדלעכן אורטייל האָט זיך אין גאַנצן לאַנד אויפֿגעהויבן אַזאַ מעכטיקע פּראָטעסט־כוואַליע, אַז דער גענעראַל־פּראָקוראָר פֿון צפֿון־קאַראָלינע האָט בכבֿוד

דבעצמו געהאַלטן פֿאַר געווינטשן זיך צו ווערן צום העכסטן געריכט, מען זאָל אויפֿסניי באַטראַכטן דעם גאַנצן ענין.

אין אַפּריל 1953, אין שטאַט אַלאַבאַמאַ, אין אינדוסטריעלן צענטער פֿון מאָביל האָבן 11 ווייסע געשווירענע געמוזט באַפֿרייען דעם 18-יאָריקן נעגער-אַרבעטער הענרי לי בראַון, וועלכן מען האָט פֿאָרגעוואָרפֿן אַ כלומרשטן מאָרד פֿון אַ ווייסער פֿרוי. אויפֿן פּראָצעס האָט דער באַשולדיקטער דערציילט, אַז ביים באַהער, וועלכער האָט געדויערט 3 טעג, האָט די פּאָליציי אים מערדערלעך געשלאָגן, בכדי אים צו צווינגען ער זאָל זיך „מודה זיין“. די נעגער צווישן פּובליקום אין זאַל האָבן אָפֿט איבערגעריסן זיינע דערקלערונגען און באַשטעטיקט, אַז די אָרטיקע פּאָליציי באַהאַנדלט ברוטאַל יעדן אַרעסטירטן נעגער. עס האָט זיך געשאַפֿן אַזאַ שטימונג פֿון סימפּאַטיע צום קרבן און פֿון ראַסן-טעראָר, אַז די געשווירענע האָבן אויך געמוזט צושטימען, אַז ער איז אומשולדיק.

אין קאָלומביאַ האָבן די אָרטיקע מאַכט-אָרגאַנען געמוזט איינשטעלן נעגערישע פֿייערלעשער, נאָכדעם ווי ראַסיסטיש-דערצויגענע ווייסע פֿייערלעשער פֿלעגן זיך אָפּהאַלטן פֿון צו לעשן שׂרפֿות אין געטאָ. אין פֿילאַדעלפֿיע האָט דער מאַגיסטראַט זיך געזען געצווּנגען צו דערהייבן דריי נעגערישע פֿייערלעשער צום ראַנג פֿון קאָמענדאַנטן פֿון בריגאַדעס אין שוואַרצן געטאָ.

אַלע ברייטע שיכטן פֿון ווייסע אַרבעטנדיקע שטיצן דעם קאַמף פֿון די נעגער פֿאַר פֿאַרבעסערונגען אויף פֿאַרשידענע געביטן. אונטערן דרוק פֿון אָט דעם קאַמף האָבן די שטאָטראַטן פֿון 150 אַמעריקאַנער שטעט אָפּגעשאַפֿן די פּריערדיקע וווינונגס-באַגרענעצונגען לגבי נעגער אין די הייזער-בלאָקן, וועלכע די מאַגיסטראַטן האָבן אויפֿגעבויט אין די לעצטע יאָרן.

ווען דער ווייסער לערער טשעסטער סלאָקום האָט זיך אַריינגעצויגן מיט זיין נעגערישער פֿרוי אין אַ פֿיינעם „ווייסן“ קוואַרטאַל אין אַסטאָריאַ, אַ פֿאָרשטאָט פֿון ניו-יאָרק, האָבן די אָרטיקע פֿאַשיסטן געדראָט, אַז זיי וועלן דערמאָרדן די נעגערין, אויב זי וועט זיך גלייך נישט אַרויסציען פֿון דאָרט. די אַנגלאָזאַקסישע שכנים, אַרבעטער און אינטעליגענטן האָבן אָבער פֿון זייער אייגענער איניציאַטיוו געשאַפֿן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט צו פֿאַרטיידיקן די סלאָקום-משפּחה. פֿיל אָרטיקע ווייסע פֿרויען באַגלייטן איצט אומעטום זייער נעגערישע פֿריינדין און באַוואַכן איר וווינונג, כדי זי צו פֿאַרטיידיקן קעגן מעגלעכע אָנפֿאַלן פֿון פֿאַשיסטן.

אין דזשעקסאָן, שטאַט מיסיסיפּי, אין האַרץ פֿון שוואַרצן גאַרטל, האָבן אין יוני 1951 העכער טויזנט נעגערישע פֿרויען אָנטיילגענומען אין אַ פּראָטעסט-מיטינג קעגן דעם, וואָס דער ווייסער כוליגאַן מאַראָ, וועלכער האָט פֿאַרגוואַלדיקט אַ 14-יאָריק נעגעריש מיידל, איז אַפֿילו נישט אַרעסטירט געוואָרן.

עס איז געשאפן געווארן א ספעציעלער קאמיטעט, וועלכער האט מאביליזירט די ארטיקע נעגערישע באפעלקערונג צום קאמף פאר דער שוץ פון די נעגערישע פרויען. די ארטיקע מאכט איז געווען געצוווּנגען צו ארעסטירן דעם כוליגאן און אים צו שטעלן פארן געריכט.

אין טעקסטיל-צענטער פון פעטערסאן, שטאט ניו-דזשערסי, וווּ די אייגנטימער פון די ארטיקע פריוואטע שווים-באסיינען האבן אין זומער פון יאר 1952 זיך אפגעזאגט אריינצולאזן אהין די נעגערישע שול-קינדער, האט דער דאזיקער פאקט אויפגערודערט די ארטיקע ארבעטער-באפעלקערונג. אויף דער איניציאטיוו פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז דארט געשאפן געווארן א ספעציעלער קאמיטעט אויסצוקעמפן א געזעץ קעגן אזעלכע באגרענעצונגען. פיל טויזנטער ארבעטער האבן אונטערגעשריבן א פראטעסט-פעטיציע קעגן די דיסקרימינאציעס. צוליב דער אלגעמיינער אויפרעגונג האבן פאר די נעגערישע קינדער זיך געמוזט אננעמען אפילו די לאקאלע בורזשואזע ארגאניזאציעס, אלע גלחים אין שטאט און דער רעאקציאנערער רעפובליקאנישער בירגערמייסטער. די סאלידאריטעט-קאמפאניע מיט די נעגערישע קינדער האט צום סוף דערגרייכט איר ציל.

אלס רעזולטאט פון ענערגישן קאמף פון די נעגער און פון דער אונטערשטיצונג, וועלכע זיי קריגן מצד די פראגרעסיווע אמעריקאנער מאסן, האבן מערערע פירנדיקע אמעריקאנער ספארט-קלובן אין די לעצטע יארן געמוזט אנהייבן אריינצונעמען אויך שווארצע ספארטסלייט. אין די אוניווערסיטעטן, וועלכע זענען פריער געווען רעזערווירט „אויסשליסלעך פאר ווייסע“, דרינגען אריין אלץ מער יונגע נעגערישע סטודענטן, פאטריאטן פון נעגערישן פאלק, וואס קעמפן מיט פיל אנטשלאסנקייט פאר גלייכבארעכטיקונג.

אין גארי, דעם גרויסן מעטאלורגישן צענטער אין שטאט אינדיאנא, האבן די נעגערישע ארגאניזירטע ארבעטער אדאנק זייער אנטשלאסענער האלטונג אין קאמף קעגן די מאנאפאליסטישע אייגנטימער פון די הוטעס זיך דערווארבן פיל צוטרוי צווישן דער ארטיקער ווייסער ארבעטערשאפט, און די לייטונג פון דער לאקאלער אפטיילונג פון פאריין פון די שטאל-ארבעטער באשטייט די מערהייט פון נעגער. אונטערן דרוק פון די ענערגישע פאדערונגען פון דער לייטונג, וואס ווערט אונטערגעשטיצט דורך ברייטע מאסן פון ווייסע ארבעטער, מוזן די טרעסטן, צו וועלכע עס געהערן די דארטיקע הוטעס, איצט אויסבילדן צאלרייכע קאדרן פון קוואליפיצירטע נעגערישע ארבעטער אין פארשידענע פאכן, צו וועלכע נעגער פלעגן ביז איצט נישט צוגעלאזן ווערן.

אין בירמינגהאם, אין דרומדיקן שטאט פון אלאבאמא, האבן די ארבעטער פון דער שווער-אינדוסטריע און אייניקע פאבריקן אויסגעקעמפט ענלעכע הנחות. נאכמער, אין יאנואר 1953 האבן די ארגאניזירטע ארבעטער פון אלע אונטערנעמונגען פון די מעכטיקע פלייש-טרעסטן ארמור, סוויפט און בודאהו אויס=

געקעמפט דאָס באַזייטיקן די שילדן „נאָר פאַר ווייסע“ און „נאָר פאַר קאָלירטע“. אין צענדליקער גרויסע אונטערנעמונגען פון די ריזן־טרעסטן באַנוצן איצט אַלע אַרבעטער, ווייסע און שוואַרצע, די זעלבע וואַש־צימערן. זיי עסן צוזאַמען מיטאָג אין די זעלבע פאַבריקס־האַלעס, וועלכע די אונטערנעמונגען האָבן געמוזט באַשטימען פאַר דעם צוועק. די ווייסע און שוואַרצע אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך לעצטנס געווען כמעט אינגאַנצן איזאָלירט פון זיך, באַפריינדן זיך איצט אַלץ מער אַפילו אין אַט די דרומדיקע געגנטן און קעמפן פאַר בעסערע לוינען און אַרבעטס־באַדינגונגען.

מיר וואָלטן געקאָנט אָנווייזן אויף אַ סך ענלעכע פאַקטן פון דערגרייכונגען, וועלכע די נעגער האָבן אין שווערע קאַמפן דעראָבערט. אמת, די דאָזיקע אַלץ טיילווייזע דערגרייכונגען האָבן נישט קיין אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף דער טרויעריקער לאַגע פון די אַמעריקאַנער נעגער. זיי שפּילן אָבער זייער אַ גרויסע דערציִערישע ראָל. זיי איבערצייגן די נעגערישע מאַסן, אַז נאָר דורך אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע כוחות פון אַמעריקאַנער פאָלק קאָנען זיי פאַרבעסערן זייער לאַגע און זיך באַפרייען פון יאָך פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם.

בעת די צאָלמעסיק שוואַכע נעגערישע בורזשואַזיע שפּילט אַ מה־יפית־פּאָליטיק לגבי דעם אימפּעריאַליזם און ראָט איר פאָלק צו פאַרבלייבן אין געטאָ און געדולדיק וואַרטן אויף בעסערע צייטן, אַנטוויקלט די נעגערישע אַרבעטערשאַפט אַן אַלץ ענערגישערן קאַמף פאַר אירע רעכט און פאַר דער באַפרייונג פון נעגערישן פאָלק. קעמפנדיק אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע כוחות פון דער אַמעריקאַנער נאַציע, ווייזט די נעגערישע אַרבעטערשאַפט איר פאָלק דעם וועג צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

אייניקייט אין קאַמף פֿאַר פֿרייהייט

דער קאַמף פֿון נעגערישן פֿאָלק איז אַ טייל פֿון דער גרויסער שלאַכט, וואָס דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק פֿירט איצט קעגן דער סיסטעמאַטישער פֿאַשיזאַציע פֿון לאַנד, קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, פֿאַר שלום און דער פֿריינדשאַפֿט פֿון פֿעלקער. אין דער דאָזיקער גרויסער שלאַכט ווערן אַרייַנגעצויגן אַלץ ברייטערע שיכטן פֿון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפֿט, פֿון די אָרעמע פֿאַרמערס, פֿון די איינגעוואַנדערטע און פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע. און אין דאָזיקן קאַמף שמידט זיך אויס די אייניקייט פֿון אַלע שיכטן פֿון אַמעריקאַנער פֿאָלק.

די דאָזיקע אייניקייט איז אין די לעצטע פֿאַר יאָר באַזונדערס בולט געקומען צום אויסדרוק אין אַ ריי וויכטיקע קאַמפּאַניעס פֿון אַנטיפֿאַשיסטישן קאַמף, ווי צום בייַשפּיל אין דער פּיקסקיל־געשיכטע, אין דער קאַמפּאַניע קעגן דעם מעק־קאַרען וואָלטער געזעץ, ווי אין דער אַקציע פֿאַר דער באַפֿרייַונג פֿון די ראָזענבערגס.

דעם 27־טן אויגוסט 1949 האָט אין שטעטל פּיקסקיל, אַ צענטער פֿון זומער־דאַטשעס נישט ווייט פֿון ניו־יאָרק, געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַ מיטינג פֿון אַ פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכן דער גרויסער נעגערישער זינגער פּאָל ראָבסאָן האָט געזאָלט געבן אַ קאָנצערט. אַ ריי אָרטיקע פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און צווישן זיי אויך דער „פֿאַרבאַנד פֿון יידישע מלחמה־וועטעראַנען" האָבן אָבער באַשלאָסן בשום אופֿן נישט צו דערלאָזן צו אָט דעם מיטינג־קאָנצערט. אַ ווילדער המון פֿון פֿאַשיסטן, צווישן זיי פֿיל האַלב־שיכורע, האָבן באַצייטנס זיך פֿאַרזאַמלט אויפֿן אָרט און פֿאַרשטעלנדיק דעם וועג, געשטערט די אָנקומענדיקע אויטאָבוסן צוצוברענגען צום זאַל די דערוואַרטענע אָנטיילנעמער פֿון מיטינג.

אַ גאַנצן אָוונט האָבן די פֿאַרזאַמלטע מיטגלידער פֿון די פֿאַרשידענע פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס שרעקלעך געליאַרעמט און געשריגן: „אַמעריקע, וועק זיך אויף! מיר האָבן שוין דערוואַכט". אָדער „מיר ווילן פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס

היטלער האָט אָנגעהויבן". די יידישע קאָווקאַזשעס האָבן צוגלייך מיט די אַנדערע פאַשיסטן אוועקגעיאָגט די אָנקומענדיקע אַנטיפאַשיסטן און געשלאָגן מכות חצח די, וואָס האָבן זיך נישט דערווייטערט גענוג שנעל.

ווען די כוליגאַנעס האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַרום 300 פּערזאָן איז פונדעסטוועגן געלונגען אָנצוקומען אויפן אָרט, ווו דער קאָנצערט האָט געדאַרפט פּאָרקומען, האָבן זיי זיך געלאָזט מיט אַ שטורעם קעגן די פּאַרזאַמלטע. דערוואַרטנדיק דעם איבערפאַל, האָבן די אַנטיפאַשיסטן זיך שוין אָבער באַצייטנס גוט פּאַרבאַריקאַדירט. עס איז געקומען צו אַן אמתער שלאַכט. די פאַשיסטן האָבן געוואָרפן שטיינער און געשאָסן. זיי האָבן אָנגעצונדן אויף אַ שכנותדיק בערגל אַ ריזיקן קו-קלוקס-קלען צלם. די אַנטיפאַשיסטן, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפירט דער וועלט-באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער האָוואַרד פאַסט, האָבן אָבער געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד.

דער ווילדער פאַשיסטישער פּאָגראָם האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע אויפרעגונג אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן פון ניו-יאָרק. אַ גאַנצע וואָך זענען אין נעגערישן האַרלעם און אין ברוקלין, ווו עס וווינען פיל יידישע און איטאַליענישע אַרבעטער, פּאָרגעקומען גרויסע פּראָטעסט-מיטינגען. מיט אַ וואָך שפּעטער איז אויפן זעלבן אָרט אין פּיקסקיל פּאָרגעקומען דער קאָנצערט-מיטינג, אין וועלכן עס האָבן אָנטיילגענומען העכער 25 טויזנט פּערזאָן. די גאַנצע געגנט האָט דאָס מאָל שטרענג באַוואַכט אַ פרייוויליקע אַרבעטער-מיליץ פון 2500 קעמפערישע אַנטיפאַשיסטן, אַמעריקאַנער פון פאַרשידענע ראַסן און נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. אויס מורא פּאַר אָט דעם כוח, האָבן די פאַשיסטישע כוליגאַנעס דאָס מאָל שוין נישט געוואַגט זיך אַריינצומישן. נישט געקוקט אויף די דראָונגען קעגן פּאָל ראָבסאָן, האָט דער נאַציאָנאַלער העלד פון נעגערישן פאָלק געזונגען אין פּיקסקיל רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס האָבן גערופן צום קאַמף פאַר פרייהייט.

דער פּיקסקיל פּאַל איז געווען אַ גוטע לעקציע פאַרן אַמעריקאַנער פאַשיזם. ער האָט באַוויזן, אַז די אייניקייט פון אַלע אויסגענוצטע און אונטערדריקטע אַמעריקאַנער, איז אימשטאַנד אָפּצושטויסן די פאַשיסטישע געפאַר. דעריבער פרוווט וואָל-סטריט צו פאַשיזירן דאָס לאַנד אויף אַ פאָרזיכטיקערן אופן, דורך פאַשיסטישע געזעצן און „לעגאַלע" ליונטשן קעגן אַנטיפאַשיסטישע קעמפער. אָבער אויך אויפן דאָזיקן וועג טרעפט אָן דער פאַשיזם אויף אַ וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד.

אין אַלע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן וואַקסט די ווידערשטאַנדס-באַוועגונג קעגן די פאַשיסטישע געזעצן פון טאַפט האַרטלי, סמיט און מאַק קאַרען. אונטערן דרוק פון די אומצופרידענע מאַסן, מוזן אפילו פיל גלחים פון אַלע קריסטלעכע גלויבנס, אַ סך בורזשואזע אָרגאַניזאַציעס און די רעאַקציאָנערע

פירער פון די רעפּאָרמיסטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַרייניגען זיך אַרויסזאָגן קעגן אָט די געזעצן.

דאָס מאַק־קאַרען—וואַלטער־געזעץ, וואָס באַדראָט 11 מיליאָן נאַטוראַליזירטע אַמעריקאַנער בירגער און דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן איינוואַנדערער, וואָס באַזיצן נישט קיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט, האָט אַרויסגערופן אַ כוואַליע פון פּראָטעסטן אין גאַנצן לאַנד. די פּראָטעסט־באַוועגונג האָט אַרומגענומען הונדערטער בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס. אַפילו לאָקאַלע פיליעס פון פּראָפאַשיסטישן אַמעריקאַנער לעגיאָן און אַנדערע אולטראַ־רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דאָזיקן געזעץ. אין צענטער פון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע דעטראָיט האָבן, אין יאַנואַר 1953, 50 גרויסע בירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, וואָס האָט באַטראַכט מיטלען אויף צו באַקעמפן דאָס מעק־קאַרען—וואַלטער־געזעץ. אין פילאַדעלפיע זענען אויף אַן ענלעכער קאָנפערענץ געווען פאַרטראָטן אַזש 400 אָרגאַניזאַציעס. צוליב דער פיינטלעכער שטימונג קעגן אָט דעם געזעץ ביי ברייטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, האָט אַ גרופּע קאָנגרעסלייט שוין אָנגעזאָגט זייער כוונה אַריינצופירן אין אים באַדייטנדיקע ענדערונגען. רעכענענדיק זיך מיט דער עפנטלעכער מיינונג, האָט אייזענהאַוער אין זיין וואַל־קאַמפּאַניע אין יאָר 1952 אַזש געהאַלטן פאַר געוווּנטשן צוצוזאָגן, אַז ער וועט אַלס פּרעזידענט אונטערנעמען מיטלען אויף אָפּצושאַפן דאָס דאָזיקע געזעץ.

קורץ, די אומשלאָסענע האַלטונג פון אַמעריקאַנער פאָלק צווינגט נישט זעלטן די אַמעריקאַנער רעאַקציע אָפּצוטרעטן, צו מאַכן הנחות און צו פאַרלאַנגזאַמען זיין מאַרש צום פאַשיזם.

די אומשלאָסענע האַלטונג פון ברייטע שיכטן פון אַמעריקאַנער פאָלק און די מעכטיקע פּראָטעסט־כוואַליע אין דער גאַנצער וועלט האָבן אויך ביז איצט געשטערט דער רעאַקציע צו פאַרווירקלעכן איר פאַרברעכערישן פּלאַן צו דערמאָרדן די ראָזענבערגס.

די אַמעריקאַנער קלאַסן־יוסטיץ האָט אַן אַלטע טראַדיציע פון „געזעצלעכע" לינטשן. זי האָט שוין פיל מאָל אין דער פאַרגאַנגענהייט אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן בלויז כדי צו שאַפן אַ מאַסן־פּסיכאָז קעגן אַ געוויסער שיכט פון דער באַפעלקערונג און צו ריכטן קעגן איר דעם צאָרן פון די אומצופרידענע פאָלקס־מאַסן. דאָסמאָל האָט אָבער אין דער גאַנצער וועלט און אין אַמעריקע גופא זיך אויפגעהויבן אַזאַ מעכטיקע פּראָטעסט־כוואַליע קעגן דעם געפּלאַנטן מאָרד, אַז די בלוטיקע הענקער האָבן זיך געמוזט אָפּהאַלטן פון דורכפירן זייערע טייוולאָנישע כוונות.

וועגן פאַרנעם פון דער פּראָטעסט־באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן קאָן מען קריגן אַ באַגריף פון פאָלגנדיקע עטלעכע ביישפּילן.

2500 אמעריקאַנער האָבן במשך פון עטלעכע טעג א גאַנצן מעסלעס רעמאָנסטרירט פארן ווייסן הויז, פאָדערנדיק פון אייזענהאַוערן ער זאָל באַגנעדיקן די ראָזענבערגס. יעדע וואָך קומען פאָר אין אַלע אמעריקאַנער שטעט פיל צענדליקער מאַסן-מיטינגען לטובת די פאַרמשפּטע. די אמעריקאַנער פרעסע האָט באַקומען הונדערטער טויזנטער בריוו פון לייענער, וואָס זאָגן זיך אַרויס קעגן שענדלעכן טויט-אורטייל. די פארקויפטע פרעסע האָט געהאלטן פאַר נייטיק אָפּצודרוקן אייניקע טויזנט אזעלכע בריוו. דער פּראָטאָקאָל פון ראָזענבערג-פּראָצעס, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין א בוך-פאָרם דורכן ספּעציעלן „קאָמיטעט צו געווינען גערעכטיקייט פאר די ראָזענבערגס", כדי צו באַווייזן די אומשולד פון די פאַרמשפּטע איז היינט איינס פון די פּאָפּולערסטע ביכער אין אמעריקע. מערערע אויסגאַבן פון בוך זענען שנעל אויסגעשעפּט געוואָרן.

וועגן פארנעם פון דער פּראָטעסט-באַוועגונג זאָגט אויך עדות דער פאַקט, אַז אין פיל קירכעס און פאַרשידענע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אָפּגעהאלטן געוואָרן ספּעציעלע תפילות לטובת די ראָזענבערגס. עטלעכע טויזנט גלחים, דערונטער 1200 פּאַסטאָרן פון פּראָטעסטאַנטישע קירכעס, צו וועלכע עס געהערן הויפּטזעכלעך אַנגלאָסאַקסן, האָבן געשיקט צו אייזענהאַוערן בריוו און טעלעגראַמעס, אין וועלכע זיי פאַרלאַנגען ער זאָל באַגנעדיקן די פאַרורטיילטע. אין דער גרויסער קאַמפּאַניע האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן די גאַנצע יידישע עפנטלעכקייט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מיטן אויסנאַם פון א קליינער קליקע יידישע מאָנאָפּאָליסטן און זייערע געטרייע פּאָליטישע משרתים.

צו די אַקטיווסטע פאַרטיידיקער פון די ראָזענבערגס געהערן די נעגערישע מאַסן. דער נעגערישער פאַרגעשריטענער טוער וויליאַם ל. פּעטערסאָן, דער לאַנג- סעקרעטאַר פון „קאָנגרעס פאַר דעמאָקראַטישע רעכט" האָט לעצטנס דערקלערט:

„פאַר קיין שום אַנדער פאָלק, אפילו פאַרן יידישן פאָלק... האָט די טיטאַנישע שלאַכט פאַרן לעבן פון די ראָזענבערגס נישט קיין גרעסערע באַדייטונג ווי פאַר די אמעריקאַנער נעגער".

מיט איין וואָרט, דער קאַמף פאַרן ראַטעווען דאָס ראָזענבערג פּאָרפאָלק האָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיך פאַרוואַנדלט אין א ריזיקע מאָביליזאַציע פון אַלע ערלעכע אַמעריקאַנער, פון אַלע אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע און פון שלום.

* * *

אמעריקע איז א ווירקלעכע תפיסה פון פעלקער. אונטערן שווערן יאָך פון פינאַנץ-קאַפּיטאַל שמאַכטן דאָרט פיל מיליאָנען אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס פון א סך נאַציאָנאַליטעטן.

דאָס אַמעריקאַנער אַרבעטנדיקע פֿאָלק, מענטשן פֿון פֿאַרשידענער אָפּשטאַמונג, וועלכע דער אַמעריקאַנער פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל פֿאַרשקלאַפֿט — שטעלט אָבער אַן אַלץ העפֿטיקערן ווידערשטאַנד קעגן זײַנע אונטערדריקער. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די קאָמוניסטן קעמפֿן זיי קעגן די מאָנאָפּאָליסטן און זייערע משרתים, קעגן נויט, פֿאַשיזם און מלחמה, פֿאַר שלום, פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע.

אינהאַלט:

	זייט
אַ לאַנד פון פיל נאַציאָנאַליטעטן	3
שטעלעכע בלעטלעך געשיכטע	7
ראָזענבערגס גייסטיקע טאַטעס	13
היינטצייטיקע שקלאַפעריי	19
פאַר נעגער איינגאַנג פאַרבאָטן...	25
רעכטלאָזיקייט, פּאָגראָמען, לינטשן	30
געטאָס אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט	33
אָקופּירטע געגנטן	39
דער שמוגל פון קנעכט	45
די פּאָליטיק פון אויסראָטן אַ פאָלק	48
„צווייט־ראַנגיקע“ בירגער	52
ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן...	59
אַן אַמעריקאַנער ביילים־פּראָצעס	64
פּאָגראָם־העצעס אין ניו־יאָרק	67
אַנטי־יידישע באַגרענעצונגען און פּראָוואָקאַציעס	70
יידישע מאָנאָפּאָליסטן פירן דורך אַ דיווערסיע	77
דער קאַמף פון נעגערישן פאָלק	82.
איינקייט אין קאַמף פאַר פרייהייט	89